מיר האָבן ניט קיין ידיעות װי אַזוי מען האָט געמאַכט אַ טשאָלנט אין צרפֿת, אָבער מיר קענען עס אָפּלערנען פֿון דעם װי מען האָט אים צוגעגרייט אין אַשכּנז, אין דײַטשלאַנד. דאָרט האָט מען אין דעם טשאָלנט אַרײַנגעלייגט לאָקשן, אַ קוגל — געװיינלעך פֿון לאָקשן מיט ראָזינקעס, און אונטערגעשמירט מיט שמאַלץ. דאָ דאַרפֿן מיר גלײַך מאַכן אַ לינגװיסטישן תּיקון־טעות: לאָקשן איז אַ סלאַװישער נאָמען, אָבער לכתּחילה זײַנען זיי געװען באַקאַנט אין צרפֿת װי גרימזלי"ש, אָדער גרמזיל"ש, און שפּעטער, אָדער אַפֿילו גלײַכצײַטיק, װי װורימזלי"ש, ורמישלש — די ראָמאַניזירטע ייִדישע פֿאָרעם פֿאַר װערמיצעלן. אין דײַטשלאַנד װידער האָבן זיך תּחילת אויפֿגעהיט די ראָמאַניזירטע װערטער, אָבער צו זיי זײַנען צוגעקומען אַזעלכע פֿאַרייִדישטע פֿאָרמען װי װורימזלי"ך און פֿרימזל"יך. ערשט אין פּוילן זײַנען אָט די אַלע װערטער פֿאַרשװוּנדן פֿון דער שפּראַך, און אָנשטאָט זיי זײַנען אויפֿגעקומען לאָקשן. די אַלע פּרטים װערן אַרומגערעדט װײַטער, און דערװײַל לאָמיר צוגעבן נאָך עפּעס ענלעכס.

דעם מין ראָזינקעס האָבן ייִדן גוט געקענט פֿון אַלטע צײַטן, אָבער דער נאָמען איז לכתּחילה אַ ראָמאַנישער און איז געקומען װידער אַ מאָל פֿון פֿראַנקרײַך — אַ לאַנד װוּ עס װאַקסן, איבער הויפּט אין דרום, װײַנטרויבן, און דאָרט האָבן זיי בײַ ייִדן געהייסן רוזיני. אין דײַטשלאַנד װידער זײַנען עס געװען די ראַזיין און רוזינן, און ערשט אין די סלאַװישע לענדער זײַנען זיי געװאָרן ראָזינקעס. געװען אָבער אַ צײַט װען זיי האָבן אין עסטרײַך און אין דײַטשלאַנד געהייסן װינברלן, װײנפּרליך = װײַנפּערלעך, ד"ה װײַניקע פּער־



לעך אָדער בערעלעך, דהײַנו — װײַניקע יאַגדעס װאָס װאַקסן אויפֿן װײַנשטאָק. יאַגדע װידער איז אַ סלאַװיש װאָרט און צום ערשטן מאָל דערמאָנט עס דער מחבר פֿון אור זרוע אין דער פֿאָרעם יגודי.

װי מיר זעען האָט אונדז איין ענין געבראַכט צום צװייטן, װײַל זיי זײַנען פֿאַרבונדן צװישן זיך און מען קען זיי ניט אָפּטיילן איינס פֿון דאָס אַנדערע. קולטור־געשיכטע גייט צוזאַמען מיט שפּראַך־געשיכטע, און איינס דערקלערט דאָס צװייטע.

פֿון די געציילטע בײַשפּילן װאָס מיר האָבן נאָר װאָס געבראַכט קענען מיר זיך פֿאָרשטעלן װאָס לאָזט זיך אַרויסברענגען אין אַ שטודיע װעגן ייִדישע מאכלים. די נעמען פֿון מאכלים, אַקוראַט אַזוי װי פֿון קליידער, װאָס מיר געפֿינען אויף דער טעריטאָריע פֿון צרפֿת און אַשכּנז, געהערן צו דער עלטערער שיכט װערטער אין ייִדיש. אין זיי גופֿא לאָזן זיך כּמעט כראָנאָלאָגיש אונטערשיידן פֿרײַערדיקע און שפּעטערדיקע װערטער, און אויף אַזאַ אופֿן גיבן זיי אונדז, אין גאָר אַ היפּשער מאָס, דעם שליסל צו די אָנהייבן פֿון ייִדיש. מיר װעלן שוין מסתּמא ניט װיסן װען זײַנען אָט די אָנהייבן געװען, און מיינונגען װאָס װערן אַרויסגעזאָגט װעגן דעם ענין זײַנען ניט מער װי השערות, װײַל קיין דערװײַזפֿאַקטן זײַנען הינטער זיי ניטאָ. מיר קענען אָבער, אויפֿן סמך פֿון אונדזער שטודיע װעגן ייִדישע מאכלים, אַ סך זיכערער אָנװײַזן װאָסערע װערטער זײַנען אין דעם פֿאַל די עלטסטע. דעם ענין באַהאַנדלען מיר אויספֿירלעך אין אַ װײַטערדיקן קאַפּיטל, לעת־עתּה װילן מיר נאָר אָנװײַזן אויף איין פּרט:

אַזעלכע װערטער װי פֿאַר די „ה' מיני דגן", װאָס פֿון זיי האָט מען געבאַקן דאָס טעגלעכע ברויט, װאָס אויף אים האָט מען געמאַכט די ברכה „המוציא לחם מן הארץ"; יענע מאכלים פֿון מעל, װאָס פֿון זיי האָט מען פֿאַרקאָכט די ערשטע זופּ, װאָס איבער איר האָט מען געמאַכט „שהכּל"; יענע געבעקסן, װאָס זיי האָט מען אָנגעפֿילט מיט אַ געפֿילעכץ פֿון פֿלייש אָדער קעז, װי פּאַשטעטן און פֿלאַדן, װאָס האָבן אַרויסגערופֿן שאלות פֿון בשׂר בחלבֿ, זײַנען פֿון די עלטסטע ייִדישע װערטער, װײַל זיי זײַנען די עלטסטע ייִדישע מאכלים אין צרפֿת און אין אַשכּנז. מיר קענען אויך מיט זיכערקייט זאָגן אָט װאָס; יענע װערטער, װאָס זײַנען בעיקר פֿאַרבונדן מיט „הידור מצוה" געהערן צו דער עלטסטער שיכט אין ייִדיש. אַזאַ „הידור מצוה" אַ שטייגער איז געװען מרור און כּרפּס צום פּסחדיקן סדר װאָס זײַנען אויסגערעכנט אין דער משנה (פּסחים, פּרק ב, ו). דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אידענטיפֿיצירן גרינסן, װאָס זײַנען געװאַקסן אין אַ סובטראָפּיש לאַנד און װאָס זייער אידענטיפֿיצירונג האָט זיך געביטן אין לענדער מיט אַ קעלטערן קלימאַט. הינטער דער אידענטיפֿיצירונג איז אָבער געװען אַ קייט פֿון טראַדיציע, װאָס אירע רינגעלעך האָבן זיך ניט איבערגעריסן. אין אָט דער אויסטײַטש־טראַדיציע זײַנען די ייִדישע נעמען פֿאַר די גרינסן װאָס זײַנען אויסגערעכנט אין דער משנה פֿון די עלטסטע אין ייִדיש, װײַל צוליב

„הידור מצוה״ האָט אַ ייִד געמוזט וויסן די נעמען פֿון אָט די ירקות איידער ער האָט זיך געזעצט צום סדר כּדי אים אָפּצוריכטן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. אָט די ווערטער זײַנען ניט מער ווי איינציקע גלאָסן, אָבער ווען זיי קלײַבן זיך אָן אין די הונדערטער — ניט נאָר אין אונדזערע געדרוקטע מקורים אַליין, נאָר אויך אין עלטערע כּתבֿ־ידן פֿון דער רבנישער ליטע־ראַטור וואָס זײַנען נאָך ניט באַאַרבעט געוואָרן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן — גיבן זיי אונדז פֿאָרט אַן אַרײַנבליק אין די אָנהייבן פֿון ייִדיש.

ווי ווערטער פֿון רעאַליאַ, וואָס פֿאַר זיי איז קיין עקוויוואַלענט אין דער רבנישער ליטעראַטור ניט פֿאַראַן, ווערן די נעמען פֿון די מאכלים געבראַכט אין די שפּראַכן פֿון יענע לענדער פֿון וואַנעט זיי שטאַמען. קענען מיר אויך דאָ אונטערשיידן ייִדישע ווערטער פֿון ראָמאַנישן, דײַטשישן און סלאַווישן אָפּשטאַם, וואָס איז געוויינלעך אָנגענומען אין דער ייִדישער שפּראַכפֿאָרשונג ווי דער כראָנאָלאָגישער סדר פֿון זייער אויפֿקום. אונדזערע מקורים ווײַזן אַז ניט אַלע מאָל איז אָט דער סדר אויסגעהאַלטן, און גע־וויסע ווערטער פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם זײַנען עלטער פֿון זייערע גערמאַנישע עקוויוואַלענטן. סרובֿדקא = סראָוועטקע, אַ שטייגער, איז עלטער פֿון זואר״מילך = זויערמילך און מאולק״ן: דאָס ערשטע וואָרט דערמאָנט אין אַ מקור פֿון 12טן — אָנהייב 13טן י״ה, דאָס צווייטע — אין אַ מקור פֿון סוף 13טן י״ה, און דאָס דריטע — פֿון 14טן־15טן י״ה; לדווינא = לעדוויצע איז עלטער פֿון רו״ט ולײ״ש = רויטפֿליש. ווערטער ווידער וואָס ס׳קען זיך דוכטן אַז זיי זײַנען פֿון מיטל־הויכדײַטשן אָפּשטאַם, האָבן ייִדן אין אַשכּנז נאָך מיטגעבראַכט פֿריִער מיט זיך פֿון צרפֿת, אָדער זיי האָבן אָט די ווערטער געהערט אַ סך פֿריִער. אַזעלכע ווערטער זײַנען אַ צאָל נעמען פֿון בשׂמים ווי: אָליאַנדער, לאַקריץ, ענעס, ציטווער; פֿון מאכלים פֿון מעל ווי: פּאַשטעט, פֿלאָדן, טאָרט; פֿון פֿרוכטן: אַגרעס, גראַשיל׳ן, קישטן = קאַשטאַנעס, מאַנדלען. די רשימה לאָזט זיך נאָך פֿאַר־גרעסערן.

בכלל איז אין אונדזערע מקורים פֿאַראַן אַ היפּשער פֿאַרגלײַכיקער שפּראַך־מאַטעריאַל, וואָס דורך אים קענען מיר אין אַ סך פֿאַלן אידענטי־פֿיצירן נעמען פֿון מאכלים, פֿון פֿרוכטן און גרינסן. אין טייל פֿאַלן ברענגען זיי אויך אַרויס אונטערשיידן אין דעם וואָרט־אוצר פֿון איין ייִדישן דיאַלעקט לגבי אַ צווייטן.

די אויסטײַטש־טראַדיציע, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס דערמאָנט, האָט אין משך פֿון דורות אויפֿגעהיט דעם באַטײַט פֿון העברעיִשע ווערטער און פֿון העברעיִש בכלל. דער חדר איז געווען דאָס וויגעלע וווּ אָט די טראַ־דיציע האָט געהאַט אירע אָנהייבן; די ישיבֿה האָט זי ווײַטער ממשיך געווען אויף אַ העכערער מדרגה, און די רבנישע ליטעראַטור האָט אַ סך פֿון אָט די אויסטײַטשן אויפֿגעהיט. צו זיי אַלע איז שפּעטער צוגעקומען די ייִדישע פֿאָלקס־ליטעראַטור און די דינים־ספֿרים אויף ייִדיש, וואָס האָבן צוגעטראָגן זייער חלק אין אויפֿהאַלטן און פֿאַרשפּרייטן דאָס פֿאַרשטייך העברעיִש. ייִדיש

96



לשון האָט אויף אַזאַ אופֿן אָפּגעצאָלט העברעיִש אַ היסטאָרישן חובֿ מיט היפּשע פּראָצענטן אַ צוגאָב.

מיר וועלן אָט די אויסטײַטש־טראַדיציע טרעפֿן אין אונדזערע מאַטעריאַלן פֿון דער רבנישער ליטעראַטור וועגן ייִדישע מאכלים. אין די הערות צום טעקסט ברענגען מיר אָט די ציטאַטן אין אָריגינאַל, און לייענענדיק זיי וועט מען ניט איין מאָל שפּירן אין דעם לשון־קודש פֿון אונדזערע אַמאָליקע גדולים דאָס שטילע געמורמל פֿון לשון אַשכּנז, וואָס זיי האָבן גערעדט אין דער היים און וואָס אויף אים האָבן זיי געזאָגט זייער שיעור פֿאַר תּלמידים אין ישיבֿה. מען וועט פֿון זיי אַרויסזען אַז דאָרט וווּ זייער לשון טרעט אָפּ פֿון דעם אײַנגעשטעלטן נוסח אין דער גמרא מיט דעם כאַראַקטעריסטישן סטיל פֿון דער שקלא־וטריא, איז פֿאַראַן אַ נוסח וואָס איז אונטער דער שטאַרקער השפּעה פֿון דעם גערעדטן לשון.

נאָך אין אַ גרויסן שטח האָט די ייִדישע פֿאָלקס־ליטעראַטור געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע ביז גאָר. דורך דורות האָט זיך בײַם ייִדישן טיש, ווען מען האָט די פֿאַרטיקע מאכלים סערווירט צום עסן, אײַנגעשטעלט אַ גע־וויסער דרך־ארץ וואָס איז פֿאַר זיך געווען אַ שטיק ייִדישע דערציִונג. אָט דער דרך־ארץ, אָנהייבנדיק מיט נטילת־ידים, גייט צוריק צו אַלטע צײַטן און וועגן אים רעדט זיך גאָר אַ סך אין אונדזערע ספֿרים. אָבער צום פֿאָלק, צו דער גרויסער מאַסע, זײַנען די אַלע אָנווײַזן דערגאַנגען אין זײַן לשון דורך דער ייִדישער פֿאָלקס־ליטעראַטור. אָט דעם ענין, וואָס איז אַ שטיק ייִדישע קולטור־געשיכטע, גיבן מיר אָפּ אַ באַזונדערן קאַפּיטל אין אונדזער שטודיע.

עס איז אונדז געבליבן צו מאַכן נאָך עטלעכע באַמערקונגען:

אונדזער שטודיע וועגן ייִדישע מאכלים באַשטייט פֿון אָט די טיילן און קאַפּיטלען: א. I. מאכלים פֿון מעל; II. פֿלייש און פֿיש; שמאַלץ; III. מילך; מילכיקס; IV. גרויפּן; „קטניות״; V. פּירות; אײַנגעמאַכטס; VI. גרינסן; VII. בשׂמים; VIII. צוקער; האָניק; IX. ניס; ב. משקאות; געטראַנקען (ווײַן; מעד; יי״ש־בראָנפֿן; קוואַס; קאַווע; טיי; ציקאָריע; אַנדערע געטראַנקען); ג. שבתדיקע מאכלים; ד. יום־טובֿדיקע מאכלים.

אויסער דעם קומען נאָך צו קאַפּיטלען וועגן ענינים פֿון אַן אַלגעמיינעם קולטור־היסטאָרישן כאַראַקטער, וואָס האָבן דורך דורות באַגלייט מאכלים בײַ ייִדן. עס ווערן אויספֿירלעך אַרומגערעדט פֿאַרשיידענע מנהגים וואָס זײַנען, דירעקט צי אומדירעקט, פֿאַרבונדן מיט מאכלים; אַ קאַפּיטל גיט זיך אָפּ מיטן פֿאָלקלאָר אַרום מאכלים, און בעיקר מיט סגולות און רפֿואות: אַ היפּשער טייל פֿאַרנעמט זיך מיט סעודות־מצווה און מיט תּקנות קעגן סעודות, וואָס זײַנען אין פֿאַרשיידענע צײַטן געווען אַ טייל פֿון קהלשע תּקנות קעגן לוקסוס, און רעדט אַרום תּקנות וואָס זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן אויף עסנוואַרג בכלל (אַ שטייגער דאָס „כּשר־בריוול״).

לסוף ווערט אַרומגערעדט דער גאַנצער לינגוויסטישער מאַטעריאַל, וואָס די וויכטיקסטע פּונקטן זײַנע האָבן מיר אָנגעמערקט אויבן.

דאָ ברענגען מיר דעם ערשטן קאַפּיטל: מ א כ ל י ם פֿ ו ן מ ע ל, אײַנגעטיילט אין אַ באַשטימטן כראָנאָלאָגישן סדר, ווי מיר געפֿינען זיי אין אונדזערע מקורים: צו ערשט טרעפֿן מיר די עלטסטע מאכלים מיט די „ה׳ מינים״, געקעכטסן פֿון מעל און פֿאַרבראָקטן ברויט; דערנאָך באַקענען מיר זיך מיט די בעיקר געקאָכטע מאכלים, ווי לאָקשן, קרעפּלעך און דעם געפּרעגלטן פֿאַנקוכן; נאָך זיי קומען פּאַשטעט און פֿלאָדן — די עלטסטע געפֿילטע געבעקסן; אַ באַזונדער אונטערקאַפּיטל גיט זיך אָפּ מיט די באַווירצטע און געפֿילטע צוקער־געבעקסן: לעקעך, טאָרט, חתן־ברויט, מאַנדל־ברויט, מאַרציפּאַנעס און טייגלעך; נאָך זיי קומט אונדז אויס צו ריידן, אויך אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, וועגן די טרוקענע געבעקסן ווי: פּרעצן, זעמל, קוכן, קוילעטש, קוכעלעך, קיכלעך, בייגל און ביסקוויט; די צוויי לעצטע אונטערקאַפּיטלען האָבן שוין צו טאָן מיט ייִנגערע מאכלים וואָס שטאַמען מערסטן טייל פֿון די סלאַווישע לענדער, הגם טייל מאכלים טרעפֿן מיר אַ סך פֿריִער. פֿון זיי געהערן צו די געפֿילטע ווייכע געבעקסן: אַבלאַטן, וואַפֿלט־קעס, „נאַליסניקי״, בלינעס, בלינצעס, פּאַמפּעשקעס, פּיראָגן און קנישעס; לסוף פֿאַרענדיקן מיר מיט די ייִנגסטע מאכלים פֿון פֿאַרקנאָטענעם טייג, וואָס מען טוט אַרײַן אין זופּ, ווי: הויזנבלאָזן, טריפֿלעך, קנײדלעך, פֿאַרפֿל, קליסקעלעך און טשיפּקעלעך.

דאָס אַלץ איז אײַנגעראַמט אין אַ קולטור־היסטאָרישער ראָם פֿון די געהעריקע תּקופֿות, וואָס זייער הינטערגרונט איז די הלכה־ליטעראַטור מיט די פּראָבלעמען וואָס דאָס לעבן גופֿא האָט אַרויסגערופֿן. די שקלא־וטריא וועגן זיי גייט אַלע מאָל צוריק צו דער גמרא, און ווּ נאָר מען דאַרף האָבן מיר אָנגעוויזן דעם מקור צוזאַמען מיטן אויסטײַטש בײַ רשי און די בעלי־התּוספֿות פֿון צרפֿת און פֿון אַשכּנז. זיי שפּיגלען אָפּ דאָס רעאַלע לעבן אין בײדע לענדער, און ווי זייער המשך קומען שפּעטערדיקע פֿאַרשטייערס פֿון דער רבנישער ליטעראַטור.

צוליב גאַנץ באַשטימטע טעמים האָבן מיר, ווי אויבן באַמערקט, געבראַכט אין די הערות אויסצוגן פֿון די מקורים אין אָריגינאַל. מיר גייען מיטן כּלל אַז קיין איבערזעצונג, ווי געראָטן זי זאָל ניט זײַן, און אפֿשיטא רעגעסטן, קענען ניט איבערגעבן דעם גײַסט און ריח פֿון די תּקופֿות וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין אונדזערע מקורים. בײַם ברענגען די אויסצוגן אין אָריגינאַל האָבן מיר געהאַט נאָך אַ וויכטיקן טעם אין זינען: אַ סך ספֿרים, וואָס פֿון דאָרט ווערן זיי ציטירט, זײַנען גרויסע יקר־המציאותן, און ניט אַלע מאָל קען אַפֿילו אַ פֿאָרשער האָבן צו זיי אַ צוטריט, אפֿשיטא דער גרויסער טייל לייענערס. זאָל דעריבער יעדערער האָבן אַ מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די אויספֿירן, וואָס מיר מאַכן פֿון די געבראַכטע מקורים.

דער זעלבער צוגאַנג גילט אויך — און אפֿשר מיט נאָך מער האַפֿט





— בײַ די ספֿרים און ספֿרימלעך פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־ליטעראַטור. זיי זײַנען בכלל אַ זעלטנהייט, און נאָר אַ גליקלעכער צופֿאַל ברענגט זיי אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן. אויך פֿון זיי ברענג איך גרעסערע אויסצוגן, וואָס מיט זייער נאַיִוון סטיל זײַנען זיי אַ שטאַפּל אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל. בײַם ברענגען אָט די אויסצוגן האָבן מיר אויך געהאַט אין זינען די אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך, און הגם ניט אַלע מאָל דעקט זיך די שרײַבשפּראַך מיט דער רײדשפּראַך, קענען מיר אָבער פֿאָרט זען ווי דאָס גערעדטע ייִדישע לשון האָט אויסגעזען. איבער הויפּט איז עס ריכטיק לגבי די דינים־ספֿרימלעך און פֿאָלקסביכלעך, וואָס זײַנען געדרוקט אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד אין דעם 19טן י״ה, ווען דער איבערבראָך צווישן שרײַב־ און רייד־לשון האָט שוין געהאַט אַ לענגערע טראַדיציע הינטער זיך.

לאַנג איז די רשימה ייִדישע מאכלים דורך דורות און לענדער. אַ גרויסער טייל איז דורך דער צײַט פֿאַרשוווּנדן, אָדער ווי אַ ייִדישער פֿאָרשער, וואָס האָט אַליין גרויסע פֿאַרדינסטן מיט זײַנע אַרבעטן וועגן ייִדישע מאכלים, דריקט זיך אויס, אַז אַ סך „אמת־ייִדישע מאכלים זײַנען אָבער שוין לגמרי אויפֿגעגעסן געוואָרן און ס׳איז שוין מער פֿון זיי קיין שפּור צו געפֿינען״.[19] די וואָס זײַנען דערגאַנגען צו אונדז (אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז נאָך פֿאַראַן אויך איצט) האָבן איבערגעלאָזט זייערע שפּורן אין דער רבנישער און אין דער פֿאָלקס־ליטעראַטור. מיר האָבן זיי דאָ דערקלערט און אָנגעגעבן זייערע עטימאָלאָגיעס אויפֿן סמך פֿון אויטאָריטאַטיווע עטימאָלאָגישע ווערטערביכער. בײַ אַ צאָל ווערטער ברענגען מיר אייגענע השערות.

מיר ברענגען אויך פֿאַרטײַטשונגען און דערקלערונגען פֿון ייִדיש־אַנדערשפּראַכיקע ווערטערביכער ווי אַ הוספֿה צו יענע נעמען פֿון מאכלים וואָס זײַנען נאָך לעבעדיק אין דער שפּראַך. אין צענדליגער פֿאַלן וועט מען באַמערקן די ספּעציפֿישקייט פֿון די ייִדישע נעמען, וואָס פֿאַר זיי איז קיין עקוויוואַלענט אין אַנדערע שפּראַכן ניטאָ. אין די ווערטערביכער ווערן זיי דעריבער ניט מער ווי אויסגעטײַטשט. פֿון די ווערטערביכער ברענגען מיר בדרך־כּלל: ליפֿשיץ, I, ליפֿשיץ, II, ווו עס זײַנען בעיקר פֿאַרצייכנט ווערטער פֿון וואָלינער ייִדיש, און האַרקאַווי וואָס פֿאַרצייכנט ווי אַ צוגאָב אויך ליטוויש־ייִדישע ווערטער. אין טייל פֿאַלן ברענגען מיר אויך אויסטײַטשונגען פֿון דרייזין, ביסקאָ, בירנבוים און שטראַק (די פֿולע טיטלען פֿון די ור״ב זײַנען אָנגעגעבן אין די קיצורים, זז׳ 1—3).

צום סוף — עטלעכע פּערזענלעכע ווערטער:

די מאַטעריאַלן פֿאַר מײַן שטודיע אין ייִדישער קולטור־געשיכטע, פֿון וועלכער די איצטיקע אַרבעט איז נאָר אַ קליינער טייל, האָב איך אָנגעהויבן צו זאַמלען מיט צוואַנציק יאָר צוריק אין ירושלים, ווען איך בין

[19] עלזעט, I, ז׳ 8.

געווען אַ סטודענט אין העברעישן אוניווערסיטעט אויפֿן הר הצופֿים. זינט דעמאָלט האָב איך די זאַמל־אַרבעט כּסדר ממשיך געווען — בעיקר דאָ אין ניו־יאָרק — אויף וויפֿל מײַן באַגרענעצטע צײַט האָט מיר דערלויבט. טייל אויספֿירן פֿון מײַן אַרבעט האָב איך, אין דרײַ רעפֿעראַטן, פֿירגע־בראַכט פֿאַר דעם לינגוויסטן־קרײַז בײַם ייִוואָ.[20]

די זאַמל־אַרבעט וואָלט ניט מעגלעך געווען אָן דער הילף פֿון גוטע פֿרײַנד און ביבליאָטעקן: פּפּ׳ ר׳ יצחק ריבקינד און ר׳ חיים ליבערמאַן; ביבליאָטעק פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק; ביבליאָטעק פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט—ייִוואָ, מיט פּ׳ מענדל עלקין, פֿאַרוואַלטער, און פּ׳ דינה אַבראַמאָוויטש, ביבליאָטעקאַרין; ביבליאָטעק פֿון ליובאַוויטשער רבין אין ברוקלין, נ״י; און די ניו־יאָרקער פּאָבליק לײַברערי.

פּ׳ יודל מאַרק, רעדאַקטאָר פֿונעם פֿערטליאָריקן זשורנאַל ייִדישע שפּראַך, האָט זאָרגעוודיק געלייענט דעם כּתבֿ־יד און געהאָלפֿן אַז טייל חילוקי דעות זאָלן אויסגעגליכן ווערן באופֿן אַז „מיני ומינך תסתיים שמעתתא״.

פּ׳ שמעון דאַווידאָוויטש האָט אַרײַנגעלייגט אַ סך מי און פֿאַכמענישקייט אין דער מוסטערהאַפֿטער הגהה און געזאָרגט אַז אַ טעכניש שווערע אַרבעט זאָל אַרויס בתכלית השלימות.

זיי אַלע — מײַן האַרציקן דאַנק.

# מאכלים פֿון מעל

## 1. די „פֿינף מינים תּבֿואה״ אין אַלט־ייִדישע מקורים

די פֿאַרשפּרייטסטע מאכלים אין אַ ייִדיש הויז אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר זײַנען פֿון מעל. טראַדיציע און דער דין, צוזאַמען מיטן קלימאַט פֿון לאַנד, וווּ ייִדן איז אויסגעקומען צו וווינען, האָבן געווירקט סײַ אויף דער פֿאַרשיידנקייט פֿון אָט די מאכלים און סײַ אויף זייער צוגרייטונג. אָט די טראַדיציע גייט צוריק צו ארץ־ישׂראל און איז פֿאַרבונדן מיטן ברויט פֿון תּבֿואה וואָס באַשטייט פֿון די „חמשת המינין״, וואָס פֿון זיי דאַרף מען אָפּשיידן אַ שטיקל טייג, חלה, וואָס מען גיט דעם כּהן, דהײַנו: „החטים והשעורים והכוסמין ושבולת שועל ושיפון״ — ד״ה ווייץ (אין דער באָטאַניק: Triticum vulgare), גערשטן (Hordeum sativum L.), שפּעלץ, אָדער אַרקוש (Triticum spelta L.), האָבער (Avena sativa L.) און קאָרן (Secale cereale L.) — ווי אויסגערעכנט אין דער משנה.[1] אין דער באָטאַנישער קלאַסיפֿיצירונג געהערן זיי צו דער משפּחה Graminaceae, שטרויִקע, וואָס אין איר זײַנען פֿאַראַן מער מינים ווי

[20] אין יוני 1953: אד״ט „פּראָבלעמען פֿון רבנישן ייִדיש אין די שאלות־ותּשובֿות פֿון 16טן און 17טן י״ה״; אין מאַרץ און מײַ 1954: אד״ט „לע״ז, לשון אַשכּנז, לשון כּנען — די שפּראַך־סבֿיבֿה פֿון ר׳ יצחק אור זרוע״.

[1] מסכת חלה א, א. די גלײַכבאַטײַטיקע באַצייכענונגען תּבֿואה און חמשת המינין געפֿינען זיך אין דער משנה נדרים ז, ב.





עס זײַנען דאָ אויסגערעכנט, נאָר אָט די דערמאָנטע מינים אַליין האָבן געהייסן תּבֿואה.[2]

עס איז אויך געווען אַ ייִדישע שפּראַכיקע טראַדיציע פֿאַר אויסטײַטשן די נעמען פֿון די ה׳ מינין, וואָס איז פֿול מיט אינטערעסאַנטע פּרטים. פֿריִיִקע טײַטשן געפֿינט מען אין די גלאָסאַרן און הלכה־ספֿרים וואָס זײַנען אויפֿגע־קומען אין אַשכּנז, און עס וואָלט זיך געלייגט אויפֿן שׂכל אַז מען זאָל זיי געפֿינען אין די טורים, אין דעם גרויסן אַרומנעמיקן חיבור פֿון אַ פּוסק וואָס האַלט זיך שטאַרק אין די מנהגים פֿון אַשכּנז און אין די „חסידי אַשכּנז״. דער פֿאַל איז אָבער ניט אַזוי. ר׳ יעקבֿ ב״ר אָשר, דער בעל־הטורים (געלעבט אַן ערך אין די יאָרן 1269—1343), האָט גאָר פֿרי, צוזאַמען מיט זײַן פֿאָטער דעם ראַ״ש, פֿאַרלאָזט דײַטשלאַנד און אַריבער קיין שפּאַניע, און האָט, ווײַזט אויס, זײַן „לשון אַשכּנז״ פֿאַרגעסן. איז בײַם פֿאַרטײַטשן די ה׳ מינין האָט ער שוין ניט געהאַט קיין קלאָרע השגה פֿון די גענויע נעמען, גייט ער דע־ריבער נאָך דער גמרא (פּסחים, דף לה, ע״א) און פֿאַרצייכנט אַ שטייגער: „שכוסמין הן מין חיטין ושיבולת שועל ושיפון הן מין שעורים״ (טור אורח חיים, סימן רח, א), און ער גיט דערבײַ צו: „ועוד יש להם מעלה כי עליהם יחיה האדם״ — ווײַזט אויס שוין צוליב דעם אַליין וואָס ווייץ און גערשטן זײַנען מן הסתם אין זײַן צײַט אין שפּאַניע געווען די וויכטיקסטע מינים תּבֿואה.

אָבער אין אַשכּנז גופֿא, וווּ מען האָט זיך אַ לאַנגע צײַט פֿאַררופֿן אויפֿן

[2] תּבֿואה, פֿאַרמירט פֿון דעם וואָרצל בוא, באַטײַט אייגנטלעך: אַרײַנברענג, בעיקר — פֿון קערנער. דאָס וואָרט האָט אַ שפּראַכיקע טראַדיציע פֿון דער תּנכישער תּקופֿה אָן און איז פֿון די עלטסטע העברעיִשע ווערטער וואָס זײַנען אַרײַן אין ייִדיש, וואָס פֿאַר זיי איז קיין אַנדער עקוויוואַלענט ניטאָ.

אַזוי איז עס, למשל, בײַ ר׳ יעקבֿ בן יצחק אַשכּנזי מיאַנאָווע, מחבר פֿון צאינה וראינה (די עלטסטע ביז איצט באַקאַנטע אויסגאַבע איז די באַזעלער פֿון 1622, אָבער עס זײַנען פֿאַר דעם געווען דרײַ אויסגאַבעס: די ערשטע אין לובלין, די אַנדערע צווײ אין קראָקע), פּרשת וארא, ז׳ ע/ב (איך ציטיר: זולצבאַך, תקנ״ט־1799): „הקב״ה זגט צו משה גיא אונ׳ זאג צו פרעה ווען ער ניט וויל שיקן ישׂראל דא וויל איך גאס אים שלאגן אלי זיין בוים אונ׳ תּבֿואה אויף דען פֿעלד איך וויל שיקן גרושן האגל דר ווערט צו ברעכן אלי די בוים אונ תּבֿואה . . .״

ר׳ יצחק אליקום מפּוזנא, מחבר פֿון לב טוב (געדרוקט צום ערשטן מאָל אין פּראָג, 1620) באַנוצט תּבֿואה פֿאַר די פֿינף מינים: „ . . . ווען איינר עסט גיקאכט עשן דש דא איז פֿון תּבֿואה: פֿון קארן אודר פֿון ווייטץ אודר פֿון גערשטן אודר פֿון סינקל אודר פֿון האברן״ (איך ציטיר: פֿיורדא, תקכ״ה, פּרק העשׂרים, ז׳ קו/א).

אַ פֿריִערדיקע אויסטײַטשונג פֿרוכט פֿאַר תּבֿואה ברענגט אליהו בחור אין זײַן ווער־טערביכל שמות דברים (איזנא, ש״ב־1542), וווּ די ווערטער ווערן פֿאַרצייכנט אויף ייִדיש, העברעיִש, לאַטײַן און דײַטש (די דײַטשע איבערזעצונג האָט געגעבן זײַן תּלמיד און פֿרײַנד, דער פּריידיקער פּאַולוס פֿאַגיוס): „בֿרוכט תּבֿואה Frucht Proventus.״

לשם פּינקטלעכקייט וועגן דאַרף מען צוגעבן אַז אין זײַן שפה ברורה (אַמשטערדם, תס״א) טײַטשט ר׳ נתן נטע הנובֿר תּבֿואה אין „לשון אַשכּנז״ גטראד [=גיטראַד; דאָרטן, ז׳ ד/ב] און קמה פֿאַרטײַטשט ער דאָרטן גופֿא: שטאַנדג גטרייט. די ווערטער זײַנען בײַ

# ייִדישע געלט

## אין לעבנסשטייגער קולטור-געשיכטע און פֿאָלקלאָר

לעקסיקאָלאָגישע שטודיע

פֿון

יצחק ריבקינד

ניו-יאָרק

האקדימיה האמיריקנית למדעי היהדות

תש"ך

# אַרײַנפֿיר

## I

## ייִדן, ייִדישקייט און געלט

### א. פֿון עגל־הזהבֿ ביז קידוש־השם

ממונו של אדם שמעמידו על רגליו
(פסחים, קיט)

פֿאַר געלט האָט מען די וועלט און יענע וועלט
(אַ פֿאָלקסווערטל)

פֿון קדמונים אָן האָבן שׂונאי־ישׂראל אונדז ייִדן פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז פֿון גאָטס פֿאָלק זײַנען מיר געוואָרן אַ געלט־פֿאָלק. דער נאָמען ייִד אַליין איז געוואָרן אַ סינאָנים צו געלט־גײַציקייט. זייערע ווערטערביכער פֿאַרמאָגן אַ באַגריף Geldjude, וואָס איז אַ שם־נרדף צו אַ וווּכערער, פּראָצענטניק. אויך אין ענגליש פֿאַרטײַטשן די ווערטערביכער Jew אין זעלבן זינען. אין אַלע פּראַקטישע ווערטערביכער געפֿינען מיר דעם אויסטײַטש[1]. אַזוי אויך ייִדלט זיך. מיר זײַנען געוואָרן אָנגעשטעקט פֿון די גויִים און אָנגעהויבן קוקן אויף זיך מיט זייערע אויגן, געזען נאָר דעם ייִד, וואָס האָט נישט געקענט בײַשטיין דעם נסיון פֿון געלט. מענדעלע מוכר־ספֿרים האָט אונדז געגעבן אַ מין אַלעגאָרישן געלט־ייִד אין ר׳ יעקבֿ און די מטבֿע, אַ פּראָטאָטיפּ פֿאַר אויפֿגעקומענע גבֿירים: „דאָס געלט פֿאַרשטאָקט אים דאָס האַרץ, פֿאַרשטאָפּט אים דעם מוח. אויף דעם אָרט פֿונעם זכּרון דאָרט אַמאָל ליגט אַצינד אַ קערבל. ווו אין אים איז אַמאָל געווען דאָרט אַ שטיקל יושר, אַ קאַפּ רחמנות, עטוואָס מענטשלעכקייט און אַ פּיצל פֿאַרשטאַנד, שטעקט הײַנט אַ מטבֿע. אין אים טוט, אַרבעט די מטבֿע, דער גאַנצער שׂכל איז בײַ אים נאָר די מטבֿע. אין אַלע פֿינף חושים זײַנע איז אַרײַנגעטאָן די מטבֿע: זײַן קוקן, הערן, שמעקן, מאַכן און פֿילן איז אַלץ נאָר די מטבֿע"[2]. לא נתקררה דעתו, ביז ער האָט דאָרט מוציא־לעז געווען: „און בײַ ייִדן איז דאָך פֿון אייביק אָן שוין אַזוי בטבֿע, דערזען זיי בײַ עמעצן אַ גילדענע מטבֿע, מעג ער זיך זײַן אַ קאַלב, אַ בהמה, איז ער בײַ זיי אַ גאָט, בוקן זיך צו אים, טאַנצן אַרום אים, לעקן און גיבן אים גרויס כּבֿוד אָפּ"...

אַ ייִדיש שפּריכוואָרט מאַכט דאָס בקיצור: „ווער ס׳האָט די מאה, האָט די דעה". אין דער אמתן האָבן אָבער די פֿאַרצײַטיקע ייִדן מכבד געווען דעה מער, אַ סך מער, ווי מאה.

גאָטלאָבערס אַ גלגול פֿון „אַ בעל־הלוואה" צערעדט זיך: „איך האָב געלעבט, אַז איך האָב געציילט קערבלעך. איך האָב געהאַט אַ פֿרום ווײַב — מן

---

1 ענגליש פֿאַרמאָגט אויך אַ ווערב to jew, וואָס איז היינו־הך ווי אויסשווינדלען, אויסנאַרן: to jew one out of a dollar, אויך אַן אויסדרוק to jew down, אַראָפּלאָזן פֿון מקח; דאָס דינגעניש און איבערצײַגן דעם פֿאַרקויפֿער צו נעמען אַ ביליקערן פּרײַז.

2 אַלע ווערק פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים, וואַרשע, 1928, XIII, „די אַלטע מעשׂה", 12.

הסתם אויך א גלגול — ווארעם זי איז אויך אזוי קארג געווען ווי איך, און האט נאר פראצענט געריסן. זי פלעגט זאגן א סך תהילים, און איר תהילימל איז אבער נאר געשטאנען: „רבונו של עולם, קערבלעך! קערבלעך! א סך קערבלעך! נאך קערבלעך!" איר תפילה פאר ליכט בענטשן איז געווען: „רבונו של עולם, קערבלעך!" די תחינה פון קנייטלעך לייגן איז געווען: „רבונו של עולם, קערבלעך!" דאס דאווענען פון וואך, שבת און יום-טוב איז נאר געווען: קערבלעך, קערבלעך!"[3]

אין זעלבן גייסט שילדערט א. מ. ווייסענבערג א מלמדקע, א רביצין פאר מיידלעך: „אז שטענדיק, ווען עס קומט די האלבע נאכט, זיצט זי ביי א האלב-גראשנדיק ליכטעלע און ציילט שטיל און קלינגט שטיל, און איר אויער פארנעמט דעמאלט אזוינע זיסע קלאנגען פון דעם געלטעניו... פון דעם געלטעניו... אז קיין בעסערע שירה דארף מען שוין אין הימל פון די מלאכים נישט הערן, ווי זי הערט דא אויף דער ערד. און נישט איין מאל טראכט זי, שוין ליגנדיק אויפן געלעגער... אז ווען מען זאל זי פרעגן אויף יענער וועלט, וואס פאר א גן-עדן ווילסטו דו? וואלט זי געזאגט: זיצן און ציילן געלט"[4].

די קינסטלעכע ייִדן און ייִדענעס באווייזן טאקע, אז „געלט איז אן עבודה-זרה", אבער די קינסטלער האבן פארזען די ייִדן, וואס האבן געגעבן געלט א „תיקון", וואס האבן דורך דורות געזוכט מתקן זיין דעם חטא פון „עגל-הזהב"; די ייִדן, וואס האבן א לעבן לאנג זיך געראנגלט, באקעמפט אין זיך דעם גרויסן יצר-הרע און נסיון פון געלט.

אז אזעלכע ייִדן און ייִדענעס, וואס געלט איז געווען זייער לעבן, דער תמצית פון זייער איך, האבן קיינמאל נישט געפעלט — באווייזט שוין דער פארזאג ביי מקבל זיין עול מלכות-שמים אין דער פרשה פון קריאת שמע, זאלסט ליב האבן גאט מיטן גאנצן הארצן, מיט דער גאנצער נשמה און מיט דיין גאנץ געלט „ובכל מאדך — בכל ממונך"[5], און די חכמים גיבן נאך צו „ואם יש אדם שממונו חביב עליו מגופו לכך נאמר בכל מאודך"[6]. איינצלנע ייִדן, וואס „זייער געלט איז זיי ליבער ווי זיי אליין" — זיינען נישט זעלטן; ס'זיינען תמיד געווען און וועלן זיין געלט-ייִדן, אבער נישט אויף זיי שטייט די ייִדישע וועלט, נאר בזכות פון ארעמע למד-וואווניקעס. אפילו די „חבלי-משיח" זיינען פארבונדן מיטן אידעאל פון א געלטלאזער וועלט: אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס[7].

כאטש מען דערציילט אויף דעם ש"ך, ר' שבתי כהן, אז ער האט גע-האט א רגילות, ווען ער פלעגט זיצן און לערנען, איז פאר אים געשטאנען א שיסל מיט גילדענע רענדלעך און מיט דער האנט פלעגט ער מישן די רענדלעך, כדי צו לערנען מיט הרחבת-הדעת[8] — איז דאס גאנץ ווייניק כאראקטערים-טיש און נישט צו גלויבן אויף א ייִדישן גאון און א גרויסן רב, ווייל איינע פון

3 א. ב. גאטלאבערס יידישע ווערק, ווילנע, 1927, II, 230.
4 געקליבענע ווערק, ניו־יארק [1954], 101־102.
5 משניות ברכות, פרק ט׳, ה.
6 פסחים, כה/א; יומא, פב/א.
7 סנהדרין, צז/א.
8 מ. ליפסון, מדר דר, תל־אביב, [1929], 180, נומ׳ 450.

די גרויסע טיטלען איז בײַ יִידן עד היום געבליבן — „ער ווייס נישט קיין צורת מטבע״[9].

גאָר נישט קיין וווּנדער, וואָס דער חסידישער פֿאָלקלאָר וויל האָבן, אַז בײַ דעם בעש״ט אין הויז פֿלעגט נישט איבערנעכטיקן קיין געלט. די מותרות נאָך די טאָג־הוצאות פֿלעגט ער צעטיילן צדקה. ער איז פֿריִער נישט געגאַנגען שלאָפֿן ביז ס׳איז נישט געבליבן קיין געלט אין הויז[10].

דעם וועלט־באַנעם פֿון יִיד און געלט סומירט צום קלאָרסטן אַ פֿאָלקס־ליד לויטן אלף־בית, פֿון וואָס איך גיב דאָ איבער נאָר אַ טייל סטראָפֿעס:

ניט קיין אידישקײַט, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע לעבט מען אַף דער וועלט?

ניט קיין דעת, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע דאַרף מען די וועלט?

ניט קיין יושר, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע יאָגט מען זיך אַף דער וועלט?

ניט קיין למדנות, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע לעבט מען אַף דער וועלט?

ניט קיין נדבֿנות, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע נאַרט מען זיך אַף דער וועלט?

ניט קיין צדקה, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע צאַפּלט מען זיך אַף דער וועלט?

ניט קיין קדושה, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע קווּעלט מען זיך אַף דער וועלט?

ניט קיין רחמנות, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע רײַסט מען זיך אַף דער וועלט?

ניט קיין שׂכל, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע שמייעט מען אַף דער וועלט?

ניט קיין תּורה, ניט קיין געלט,
וואָס־זשע טויג גאָר די וועלט?[11]

געלט איז געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר אידישקײַט, דעת, יושר, למדנות, נדבֿנות,

---

9 בערנשטיינס אויסטײַטש (ז׳ 158, מטבע 2) „פֿון אַ גרויסן בטלן, וועלכער ווייסט ניט וואָס געלט באַטײַט״ — איז נישט פּינקטלעך. מען פֿלעגט דאָס זאָגן און מען זאָגט דאָס אויך נאָך הײַנט נישט אויף אַ בטלן, נאָר אויף אַ יִיד אַ צדיק, וואָס איז אויסגעטאָן פֿון הויות העולם, וואָס „ווייס גאָר ניט פֿון געלט־אָנגעלעגנהייטן״ (ספּיוואַק־יהואש, 227/א). דער פּראָטאָטיפּ איז דאָך „נחום איש־קודש קדשים שלא הביט בצורת מטבע מימיו״ (ירושלמי, עבודה זרה, פּרק ג׳, ה״א; אין בבלי: „צורתא דזוזא״ און ווערט צוגעשריבן צו אַן אַנדערן, פּסחים, קד/א; עבודה זרה, נ/א). אין תּלמוד איז דער טעם צוליב עבֿודה־זרה, ווײַל אויף די מטבעות זײַנען אויסגעקריצט בילדער. אין יִידיש איז די כּוונה אַן אַנדערע, אַ סימן פֿאַר צידקות, פֿאַר אַ יִיד, וואָס איז ווײַט פֿון געלט בכלל.

10 יצחק רפאל (ווערפּעל), פון די קוואלן פונם חסידישן פאלקלאָר, איבערגעזעצט פֿון העבּ־רעאיש דורך א. רובינשטיין, פּאַריז, תש״ט, לט־מ. דאָס זעלבע ווערט דערציילט אויף ר׳ חיים צאַנזער (אליהו כי טוב, במעונות אריות, ירושלים [1955], יא־יב).

11 גינזבורג־מאַרעק, 26־27, נומ׳ 26.

צדקה, קדושה, רחמנות, שׂכל, תּורה! אויך די ווײַטערדיקע שטודיע באַוויַיזט וויפֿיל תּורה און מעשׂים-טובֿים, ייִדישקײַט און מענטשלעכקײַט, מצוות און צדקה, יושר און רחמנות „ייִדישע געלט״ פֿאַרמאָגט.

אין אונדזער דור פֿון קידוש-השם זאָל נאָך צום סוף דערמאָנט ווערן, אַז די לאַנגע קדושים-געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק האָט אויך געשאַפֿן: קידוש-השם-געלט!

דער כראָניקער פֿון די קרייץ-צוגן ר׳ שלמה ב״ר שמעון דערציילט ווי ייִדישע פֿרויען האָבן געוואָרפֿן געלט און זילבער דורך די פֿענצטער, כּדי אויפֿצוהאַלטן און פֿאַרזאַמען די קריסטלעכע שׂונאים בײַם קלײַבן דאָס געלט, ביז זיי, די מאַמעס, וועלן פֿאַרטיק ווערן מיט שעכטן מיט די אייגענע הענט זייערע זין און טעכטער פֿאַר קידוש-השם[12].

אַזאַ מאָמענט האָט אַ. ליעסין פֿאַראייביקט אין אַ קינה אויף ייִדיש „די געלט-וואַרפֿערקע״:

זי זוכט אין עקסטאַז אין צעשטראַלטן
דעם משחית אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן.
און דרויסן דער חייל ווערט גרעסער
און רוקט אויפֿן פּאַלאַץ זיך אָן —
מיט ייִדישן בלוט אויפֿן מעסער
און ייִדישן בילד אויף דער פֿאָן.
דאָך באַלד ווי די באַנדע קומט אונטער
מיט פּיקעס און העק צו דער טיר,
דערלאַנגט עס אַ רעגן אַראָנטער
מטבעות פֿון פֿענצטער אויף איר.
און אַלע דעם נוצרים סאָלדאַטן,
זיי קײַקלען זיך, קנוילן זיך, פֿלעכטן
און ראַנגלען זיך פֿאַר די דוקאַטן
אין ביטערע, ווילדע געפֿעכטן.
— — — — — — —
זי קוקט, אַ מאַדאָנע, אין פֿענצטער פֿון אויבן,
אַראָפּ אויפֿן שטרײַט דעם משוגענעם,
די הענט אין דער הויך מיט מטבעות געהויבן
אַריבער דעם חייל דעם בראַזן[13].

מען בלײַבט שטיין ווי אָן לשון און מיט יראת-הרוממות פֿאַר דער פֿענאָמענאַלער מאַכט פֿון ייִדישער פֿרויענשאַפֿט און קידוש-השם; פֿאַר די נאָמענלאָזע ייִדישע גיבורות, די „געלט-וואַרפֿערקעס״, וועלכע האָבן געשאַפֿן דאָס הייליקסטע געלט — קידוש-השם-געלט!

---

12 וגם הנשים הטהורות, בנות מלכים היו זורקות את המעות והכסף בעד החלונות אל האויבים, כדי שיהיו טרודים ללקט הממון ולעכבם מעט עד שיגמרו שחיטת בניהם ובנותיהם. וידי נשים רחמניות שחטו ילדיהן כדי לעשות רצון יוצרן (אברהם כהנא, ספרות ההסטוריא הישראלית, ווארשה, תרפ״ב, ז, 174; שמעון ברנפלד, ספר הדמעות, ברלין, תרפ״ד, א׳, קסח).

13 לידער און פּאָעמען (1888—1938), ניו-יאָרק, 1938, ב׳ דרײַ, 97-98.

## ב. פֿון וויג ביז חופה

געלט באַגלייט דעם ייִד און זײַן וועלט פֿון וויג ביזן קבֿר. צו ריידן אין געלט־לשון — פֿון **באָדגעלט**[2] ביז **מלאך־געלט**. ס'נעמט אַרום כמעט דאָס גאַנצע ייִדיש לעבן, וואָס שלענגלט זיך, צו באַנוצן ביאַליקן, „פֿון דעם הקדש ביז בית־עולם, פֿון דעם שולהויף ביז דער באָד" („אַ פֿריילעכס").

בײַ דער גרויסער רײַכקייט און שפֿע פֿון ייִדישע געלט, זעט מען ערשט די אָרעמקייט, די טיפֿע ייִדישע אָרעמקייט; פֿון דער צווייטער זײַט זעט מען ערשט רעכט ווי רײַך מיר זײַנען געווען אין אונדזער אָרעמקייט; מיר האָבן גאָרניט קיין השגה ווי רײַך און שיין איז געווען דאָס פּאַטריאַרכאַלע ייִדישע שטייגערלעבן, אין דער בחינה פֿון „יאה עניותא ליהודאי".

ס'הויבט זיך אָן מיט אַ מנהג אַרײַנצוּוואַרפֿן בײַ אַ נײַ געבוירן קינד געלט אין וואַנעלע (נומ' 98). בײַ אַ ייִנגל קומען הדר־קינדער אַ גאַנצע וואָך לייענען קריאת־שמע. „יעדן טאָג האָט מען זיי געטיילט עפּעלעך אָדער ניס, צו דער וואַכנאַכט לעקעך, בײַ עשירים פֿאַר אָרעמע תלמוד־תורה־קינדער אויך **אַ פּאָר גראָשן**"[14]. בנוגע אַ ברית איז דאָך גאָרניט שײַך, עס „איז געווען (אויך היינט) אַ מצוה צו גיין אויף אַ ברית. ווער שמועסט אַ כּיבוד איז שטאַרק חשובֿ געווען, עס פֿלעגט קאָסטן געלט די מצוה"[15]. די כּיבודים אַ קוואַטער, אַ סנדקאות, מוהלשאַפֿט, פֿלעגט מען פּשוט קויפֿן ווי אַנדערע מצוות (נומ' 373). אַפֿילו פּריעה און מציצה האָבן זיך גערעכנט ווי באַזונדערע כּיבודים, ווײַל ס'זײַנען געווען אין ערטער תקנות מיט רעגולירטע פּרײַזן פֿאַר די מצוות[16]. אין געוויסע ערטער איז געווען אַ מנהג, אַז דער סנדק און זײַן פֿרוי (די „סנדיקית") פֿלעגן אײַנבינדן אין „גפֿאַטיר צייג" אָדער „ייִדיש ווינדל", אין

14 ארז [א. צעדערבוים], „דיא מאָדע", קול מבשר, תרכ"ו, נומ' 5, 67.

15 דאָרט; פֿג"ל אויך „פֿון מײַן ווערטערביכל", ייִדישע שפּראַך, XV (1955), 22, „זכר־אויפֿס". צו די נעמען זכר, בן־זכר און שלום־זכר, וועגן וועלכע איך האָב דאָרט געשריבן, איז נישט איבעריק אָנצוּווײַזן דאָ אויף נאָך אַ נאָמען, וואָס ארז־צעדערבוים ברענגט מיט אַ פּאָר שורות פֿריִער: חצי זכר! : „ווער עס איז נאָר איבערשטאַנד געווען האָט געמאַכט אַ חצי זכר — פֿרייטיק צו נאַכטס צווישן דער געבורט און דעם ברית; אַ שלם זכר — שבת פֿרי". די פֿאָרם שלם־זכר געפֿינען מיר שוין אין די תקנות פֿון תל"ב. זאָל אַמאָל דער „שלם־זכר" נישט האָבן פֿאַרפֿירט צעדערבוימען צום חצי־זכר? אַמאָל ווערט געבראַכט סתם „אויף בן זכרס, שלום זכרס" (רחלע דיא זינגערין, 70), אָן אַ חילוק. אין די וויטעבסקער תקנות פֿון תר"ה ווערט פֿרײַטיק צו נאַכטס גערופֿן בן־זכר און שבת פֿרי — שלום־זכר, נאָר אָן כּיבוד „לא ליתן שום כיבוד לא בבוקר ולא בצהרים" (וויטעבסק אַמאָל, 44), אַזוי ווי מנהג־ליטא.

16 אין קאָרעליטשער פּנקס געפֿינט זיך פֿון יאָר תק"ע אַזאַ תקנה: „שכל מי שיהי' סנדק על ברית מילה מחויב ליתן על צדקה ח"י ג"פ והמוהל... מחיתך תשעה ג"פ מפריעה ששה ג"פ ממציצה שלשה ג"פ ומעות הללו יותן לגבאותית שיהי' מנשים... ומהם יפרנסו עניות מקינדגעווירין" [קינדגעווינערין] (רשומות, סדרה הדשה, תל־אביב, תש"ו, כרך א', 164־165). אויך אַן אַנדער תקנה פֿון יאָר תקפ"ב, נאָר וועגן סנדקאות אַליין.

מהאי טעמא, צוליב די הוצאות וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ סנדקאות־כּיבוד, געפֿינען מיר טאַקע פֿאַלן, וואָס מען פֿלעגט זיך אַרויסצודרייען פֿון אָננעמען דעם כּיבוד. איין מחבר רעאַגירט גאָר שטאַרק: אכן הבעל בית צועק מכאב לב שהרבה פעמים אין לו סנדק... הכל מבקשים להיות מולים, ואין אחד דורש ומבקש להיות סנדק שהוא עיקר בעל ברית. וכי להכרית לעניים שם ושארית, שכיח זה בהרבה קהלות... ונרבה קול שמחה ואור הנר. העני בעיניהם כגר... לתקן מקור חברה תמימה חברה של סנדק לתת לתוכה פרוטה אחת כל שבוע... ובכל עת שהיתה יולדות עניה... הפלנו גורלות על מי שעלה הגורל נתננו לו מה שהיה צורך לענין סנדק ההוא כפיזר נתן לאביונים ואם רצה להוסיף משלו עוד מעט וצדקתו עומדת לעד (אברהם ב"ר אליעזר הכהן, אורי וישעי, בערלין, תע"ד, פה/ד).

וואָס דאָס קינד ווערט געמלט, געײַדישט, גאָלד־ און זילבערוואַרג אָדער גאָל־דענע און זילבערנע מטבעות, ביז מען האָט דורך אַ תקנה באַגרענעצט דעם ווערט צו „ניכט יותר אלז ט״ז פגי׳ ״[17]. בײַ אַ בכור איז צוגעקומען דער פדיון־הבן (נומ׳ 5, 437). די שמחה פֿון ערשטן צײנדל האָט געבראַכט דער אַם **צאָנגעלט**. „פֿון געבורטסטעג האָט מען נישט געוווּסט, נאָר בײַ ציטעריקע קינדער פֿלעגט מען מאַכן אַ קליין סעודהלע פֿאַר אַ מנין קלויזנער (בטלנים) און זיי געבן **נדבֿות**״[18].

אַ באַזונדער אָרט האָט אויך פֿאַרנומען אין קינדס לעבן דאָס „אָפּשע־רעניש״, וואָס איז פֿאַרבונדן געווען מיט חינוך, מיט דער מצוה פֿון „פּיאות״. ווען אַ ייִנגל איז אַלט געוואָרן דרײַ יאָר און מען האָט אים צום ערשטן מאָל אָפּגעשאָרן, אין ארץ־ישראל מיט אַ גאַנצן פּאַראַד, פֿלעגט מען די אָפּגעשוי־רענע האָר אָפּוועגן מיט גאָלד אָדער זילבער און אַוועקגעבן דאָס פֿאַר צדקה[19].

כּמעט אין דער זעלבער צײַט, אין עלטער פֿון דרײַ יאָר, קומט דער גרויסער מאָמענט אין לעבן פֿון די עלטערן און קינדער צוגלײַך — פֿירן דאָס קינד אין חדר.

אונדזערע עלטערן האָבן אָנגענומען אַלע פּעדאַגאָגישע מיטלען צוציִען דאָס קינד מיט גוטן; מאַכן דעם איבערגאַנג פֿון אַבסאָלוטער זאָרגלאָזיקייט ביז צו ווערן אײַנגעשפּאַנט אין עול פֿון חינוך — לײַכט ווי מעגלעך.

אין משך פֿון הונדערטער יאָרן האָט זיך געפֿורעמט אַ ספּעציעלער צע־רעמאָניאַל ווי אַרײַנצונאַרן דאָס יונגע פֿייגעלע אין שטײַג. דאָס פֿירן אַ קינד דאָס ערשטע מאָל אין חדר האָט געהאַט אַ כּאַראַקטער פֿון יום־טובֿדיקײַט[20]. ס׳איז געווען אַ יום־טובֿ פֿאַר דער גאַנצער משפּחה, בפֿרט פֿאַר טאַטע און מאַמע[21].

מער פֿאַר אַלץ איז געבליבן אײַנגעקריצט אין זכּרון דער מאָמענט, ווען דער רבי פֿלעגט אַראָפּוואַרפֿן פֿון דער הייך מטבעות און זאָגן צום קינד, אַז אַ מלאך האָט דאָס אים אַראָפּגעוואָרפֿן, כּדי ער זאָל האָבן חשק צו לערנען.

ווען און ווו איז דער מנהג צום ערשטן מאָל אײַנגעפֿירט געוואָרן, איז שווער צו זאָגן. אַלנפֿאַלס שוין אין מיטן 17טן י״ה געפֿינען מיר אין איטאַליע געדרוקטע לוחות מיטן א״ב און ברכות, אילוסטרירט מיט אַ בילד, פֿון איין זײַט — דער מלאך וואַרפֿנדיק פֿון דער הייך מטבעות, און פֿון דער צווייטער

---

17 הסנדק וסנדיקית... ווירט פר באטין מהיום והלאה קיין בעכיר או שאר דברים מזהב וכסף ושוה כסף או מטבעות מזהב וכסף אויך קיין הוט ציקר ביי דעם גפאטיר צייג צו געבין אונד אן דען גפאטירצייג ניט יותר אלז ט״ז פגי׳ וועהרט אין צי בינדין („תקנות לסעודת הברית דק״ק הלברשטט, תקל״ו״, רשומות, סדרה חדשה, תל־אביב, תש״ו, כרך א׳, 146, סי׳ 13. דער דאַטום תקל״ו איז נישט ריכטיק. ס׳איז תק״ו, ווי עס באַווײַזט ריכטיק דאָס יאָר 1746 בײַ דער זײַט אין פֿאַקסימילע גופֿא).

18 ארז, דאָרט, 68.

19 יהודה אלזט, רשומות, כרך א׳, 367, § 69; Regina Lilientalowa, Dziecko Żydowskie, Kraków, 1927, 25.

20 שמחה אסף, מקורות לתולדות החנוך בישראל, תל־אביב, תרפ״ה, כרך א׳, לויט דעם זוכצעטל „סדר הכנסת הבן לתלמוד תורה״; כרך ד׳, ירושלים, תש״ג, יא־יב.

21 „דאָס ערשטע קינד אָפּגעבן אין חדר — שרײַבט י. קאָפּעלאָוו אין זײַנע זכרונות — דאַרף זײַן אַ יום־טובֿ, אַ געהויבענער טאָג, ניט זונטיק — אַ גוישקע חגא! מאָנטיק? — ניין, ניט קיין גוטער טאָג, איז געבליבן דינסטיק — — — מען האָט אַפֿילו געמאַכט אַ סעודה. דער טאַטע און מאַמע האָבן זיך אָנגעטאָן אין יום־טובֿדיקן, מען האָט מיך געטראָגן אײַנגעוויקלט אין אַ טלית״ (אַמאָל איז געווען, ניו־יאָרק, 1926, 24, 26; זען אויך: 119).

זײַט — דער רבי מיטן קאַנטשיק, ווי ער שמײַסט אַ יִינגל. ווײַזט אויס, אַ פּעדאַגאָגיש־וויזועל מיטל פֿאַר יענער צײַט, אַז דאָס קינד זאָל גלײַכצײַטיק זען בחוש אי גוטסקײַט אין אי קריגן מורא. אין סעמינאַר־ביבליאָטעק איז אויפֿגעהיט אַזאַ לוח געדרוקט אין ווענעציע ת״ו—1656 [22]. דאָס בילד, וואָס ווערט דאָ רעפּראָדוצירט, איז פֿון אַזאַ א״ב־לוח, געדרוקט אין ליוואָרנאָ 1846 — אַן אילוסטרירטע טראַדיציע פֿון אַ קימאַ־לן באַלד צוויי הונדערט יאָר.



אין מזרח־אייראָפּע האָט דער קינדער־שטייגער אָנגעהאַלטן ביז דעם לעצטן חורבן. בעלעטריסטיש האָט יעקבֿ קרעפּליאַק אין זײַן דערציילונג „אײַנגעבראָכן", געשילדערט ווי מען נעמט אײַן אַ יִינגעלע, ער זאָל גיין אין חדר: „ווילסט גיין, אַבֿרהמלע, אין חדר? — ווילסט דאָך גיין אין חדר... פֿאַרוואָס זאָל ער ניט וועלן גיין אין חדר, אַז דאָרטן, דערציילט די מאַמע, איז אַזוי גוט: אַ מלאך וואַרפֿט קאָפּיקעס, מען טוט אָן נײַע שיכלעך, הויזן מיט קעשענעס און מען וואַקסט אויס גרויס... אין עטלעכע טעג אַרום איז שוין הערשעלע געגאַנגען אין חדר. דער מלאך האָט אים געוואָרפֿן קאָפּיקעס, ער האָט זיך געגרויסט מיט זײַנע נײַע הויזן מיט די קעשענעס און געשפּילט אין קנעפּלעך" [23].

אייזיק־מאיר דיק דערמאָנט זײַן קינדערשע איבערלעבעניש, ווי דער פֿאָטער זײַנער האָט אים אַ״עקגעטראָגן אין חדר, אײַנגעוויקלט אין אַ טלית מיט אַ פֿלאַש בראָנפֿן און מיט אַ לעקעך. „אַזוי געדענק איך דעם ערשטן טאָג אין וועלכן דער גרויסער באַעלפֿער האָט מיר געוויזן דעם גרויסן „אל״ף" און דעם איבערמאָרגן נאָך אים, אין וועלכן דער מלאך האָט מיר אַראָפּגעוואָרפֿן אַ גראָשן פֿון הימל" [24].

22 דאָס בילד אַליין, אָן דעם א״ב מיט די ברכות, איז רעפּראָדוצירט אין אָספּס דצ״ו, ב׳ 3 (תל־אביב, תרצ״ו), פֿון אָנהייב כּפֿר; צבי שרפשטיין, החדר בחיי עמנו [ניו־יאָרק, תש״ג], 94. פֿאַר דעם לוח מיטן בילד ברענגט אַסף אייך אַ ליטעראַרישן מקור פֿון אַ משומד פֿון יאָר 1683 (דצ״ו, ב׳ 2, תל־אביב, תרצ״א, קלג).

23 מעשׂות פֿאַר יונגוואַרג, ניו יאָרק, 1947, 51, 58.

24 דער ערסטער נאָבאָר, ווילנע, תרל״ב, 4; אין אַ צווייטן חיבור גיט אמ״ד נאָך צו: „דער אָנפֿאַנג האָט זיך אָנגעהויבן מיט צוקער, זיסע ווערטער, מיט אַ לעקעך, מיט אַ גראָשן, וואָס איין

די זכרונות-ליטעראַטור, וואָס איז דערשינען אין די לעצטע פֿאַר צענדליק יאָר, איז פֿול מיט דעם מאָמענט פֿון דער ווײַטער קינדהײַט, ווי דער מלאָך וואַרפֿט אַראָפּ מטבעות[25].

נאָך אַ פֿײַערלעכן מאָמענט פֿלעגט אַ ייִדיש קינד דורכלעבן אין זײַן פֿריסטער יוגנט — התחלת חומש[26].

אָבער נישט נאָר פֿאַר קלײנוואַרג, נאָר שוין פֿאַר עלטערע אַביסל עצהט דער רמב״ם: וכאשר יהיה יותר שלם בשכלו... ואז יאמר לו רבו למוד פרשה זו או פרק זה ואתן לך דינר אחד או ב׳ דינרין ובכך הוא קורא ומשתדל ליקח אותו הממון[27].

פֿון דעם מאָמענט אָן, פֿון ערשטן טאָג פֿון חדר, איז צוגעקומען צו אַ סך ייִדישע עלטערן נאָך אַ גרויסע דאגה צו דעם אַזוי אויך שווערן פּרנסה-יאָך — שׂכר-לימוד. „מען מוז עסן און הדר־געלט צאָלן״ (נומ׳ 237), אָבער „מלמד־געלט האָט תּמיד געמוזט זײַן״ (נומ׳ 364). דער חובֿ איז געווען הייליק אַפֿילו פֿאַר דעם אָרעמסטן, אַפֿילו פֿאַר אַ ווײַסטער אָרעמער אַלמנה. איז דאָך עפּעס תּורה לערנען געווען דער העכסטער אידעאַל, צוליב וואָס מען איז גרייט געווען אַלץ מקריבֿ צו זײַן און יעדער ייִדישע מאַמע האָט אין איר תּחינה פֿאַר ליכט בענטשן היים מתפּלל געווען צום בורא-עולם, אַז ער זאָל מאַכן לײַכטן די אויגן פֿון די זין אין דער אייביקער הייליקער תּורה.

## ג. די חתונה

לויט דער אַלטער טראַדיציאָנעלער ברכה קומט נאָך תּורה — חופּה. אין מײַן שטודיע געפֿינען מיר אַ היפּשן געלט-ציקל פֿאַרבונדן מיט הכנסת-כּלה. לאָמיר דאָ בקיצור אָנווײַזן און באַלײַכטן נאָר אַ פּאָר פּרטים. בקיצור — ווייל די ייִדישע חתונה וואַרט נאָך אויף אַ ספֿר מיט האַ הידיעה, וואָס זאָל אַרומנעמען איר געשיכטע פֿון די עלטסטע צײַטן ביז הײַנט; די חתונה בײַ אַלע שבֿטי-ישׂראל, אין זייערע מנהגים און טראַדיציעס, אין ליטעראַטור און קולטור, אין פֿאָלקלאָר און שטייגערלעבן; אין ליד, געזאַנג און קונסט.

גוטער איינגל (מלאָך) האָט מיר צוגעוואָרפֿן פֿון אויבן. און נאָכהער האָבן זיך דיזע אַלע טײַטשענדע (טריגערישע) מיטלען אומגעוואַנדלט אויף די העכסט שטרענגסטע מיטלען (דער בן יחיד, ווילנע, תרל״ה, 10).

25 נאָר איין קאָפּעלאָוו וויל מאַכן דעם רושם, אַז שוין דאַן, אין די ערשטע חדר־טעג, איז ער געווען אַ קנאַפּער מאמין אין מלאָכים: „דעם צוקער פֿון דעם „אלף־בית״ האָב איך ניט אָפּגעלעקט, נאָר אָפּגעבלאָזן... די עטלעכע גריוועניקעלעך, וואָס מען האָט מיר געוואָרפֿן, — האָב איך געזען די הענט און גוט געוווּסט, אַז דאָס איז ניט פֿון מלאָכים... און אַז דער רבי האָט מיר געוואָלט אײַנשמועסן, אַז דאָס וואַרפֿן מלאָכים, האָב איך מיט כּעס אים איבערגעקרימט״ (דצ״וו, 26־27).

26 צבי שרפשטיין, דצ״וו, 136־140; יחיאל שטערן, חדר און בית־מדרש, ניו־יאָרק, 1950, 14־17. צו די אַלע מקורים וויל איך צוגעבן צעדערבוימס באַשרײַבונג, וואָס איז פֿון אַן אַנדער מקור נישט באַקאַנט: „אַז דאָס קינד האָט אָנגעהויבן חומש, האָט מען אויך דעם שבת אויסגעצייכנט. נאָך דעם שלאָף פֿלעגט דאָס קינד גיין פֿון חדר אויס מיט ברעסטן באַלעגט איבער ביידע אַקסל, קווער ביז צום גאַרטל; אַ גאַרטל פֿון שפּאַניע, אויבן 3 זייגערלעך מיט קייט; רעכטס און לינקס די אָפּפֿרעגער אויך אין טרעסטן מיט צו איינע זייגערלעך. פֿאָרנט פֿאַר זיי האָט דער בעלפֿער געטראָגן אַ גילדענעם בוים און נאָך זיי דאָס גאַנצע חדר״ (קול מבשׂר, תרכ״ו, 68).

27 פּירוש המשניות, סנהדרין, פּרק עשירי. פּג״ל אויך מײַן לאות ולזכרון, ניו־יאָרק, תש״ב, יז, הערה 1.

איינע פֿון מײַנע ליטעראַריש-װיסנשאַפֿטלעכע חלומות איז געװען צו שאַפֿן, נישט מאַכן, אַזאַ קולטור-געשיכטלעכן ספֿר. אָבער אַזױ נעמט מען די צײַט פֿאַר אַזאַ לעבנס-אַרבעט? אַ יידישע חתונה איז אַלע מאָל געװען אַן אונטערנעמונג מיט אַ סך הוצאות; ס׳איז פֿינאַנציעל געװען אַ גרױסע הכבדה פֿאַר די עלטערן און צײַטנװײַז אױך פֿאַר די אײַנגעלאַדענע געסט. נישט אומזיסט װערטלען זיך יידן: „בײַ אַ ייִנגל מאַכט מען „ברוך שפּטרני” בײַ דער בר-מצוה, בײַ אַ מײדל — צו דער חתונה”. אין דער אמתן האָט מען נישט אַלע מאָל געקענט מאַכן אַפֿילו בײַ אַ מײדל די ברכה צו דער חתונה. אין אַמאָליקן פּאַטריאַרכאַלן יידישן לעבן האָט מען גיכער חתונה געמאַכט אַ טאָכטער װי אױסגעגעבן. דאָס פּאָרל איז געװען זײער יונג, כּמעט קינדער, און עס האָט גענומען אַ שטיק צײַט ביז װאַנען זײ האָבן זיך געשטעלט אױף די אײגענע פֿיס. די גאַנצע „קעסט”-אינסטיטוציע איז דאָך אַ פּראָדוקט און רעזולטאַט פֿון דער נישט זעלבסטשטענדיקייט און עקאָנאָמישער זיכערקייט פֿון דעם יונגן פּאָרפֿאָלק. די עלטערן האָבן אױך נאָך דער חתונה געמוזט שלעפּן דעם עול פֿון די חתונה-געמאַכטע קינדער; זאָרגן און פֿאַרזאָרגן ביז זײ האָבן באַװיזן אַרױסצוגײן פֿאַר זיך. אױך דער מנהג פֿון „אײַנװאָרף” און „דרשה-געשאַנק” (זען הערה אין נומ׳ 34) האָט דאָך אין אַ געװיסן זינען באַצװעקט צו העלפֿן אױפֿבױען און אײַנאָרדענען זיך פֿון די אָקאָרשט חתונה געהאַטע.

מיר לערנען דאָ ערשט פֿון דעם אײגנאַרטיקן געלט-ציקל, װי די חתונה גופֿא מיט אַלע צערעמאָניעס איז פֿאַרבונדן און געקניפּט מיט געלט. יעדער קער און װענד האָט געמײנט געלט. מען האָט געריסן און געצופּט פֿון אַלע זײַטן, װי מען פֿלעגט זאָגן אין פּױלן: „שטענגל-געלט, דרענגל-געלט”.

דעריבער האָט מען שױן אין שנים-קדמוניות געפֿונען פֿאַר נױטיק צו שאַפֿן אַ רײ תקנות צו באַגרענעצן, בפֿרט בײַ נישט-באַמיטלטע, די חתונה-אױסגאַבן, כּדי פּשוט לײַכטער צו מאַכן דאָס פּראַװען די חתונה גופֿא. מען האָט באַשטימט די צאָל פֿון אײַנגעלאַדענע געסט, רעגולירט אַפֿילו דעם מעניו פֿון דער חתונה-סעודה און די פֿון די שבֿע-ברכות. מאַכלים און משקה האָט מען דערלױבט סערװירן לױט דעם פֿאַרמעגן און די פֿינאַנציעלע מעגלעכקייטן פֿון די מחותנים.

מיר לאָזן דורך דעם ענין פֿון תּנאָים-שרײַבן, נדן און שדכנות, מתּנות און אױסשטײַער, די הכנות צו אַ חתונה, װאָס האָט גענומען זײער לאַנג, נאָר מיר װעלן אָנהױבן מיט דער חתונה גופֿא, און דאָס אױך, װי שױן באַמערקט, נאָר געצײלטע פּרטים. אָנגעהױבן האָט זיך מיט אַ ספּעציעלן פּרײַז פֿאַר דער ערשטער טבֿילה פֿאַר דער חתונה: „וכּלה ביום חתונה ג׳ גדו[לים] מכל מאה, ומשם ואילך כשאר הנשים”[28]. אין די תקנות פֿון די פּױליש-ליטװישע יידן אין אַמסטערדאַם פֿון יאָר תל״ב איז דער אָפּצאָל: „ומהכלה שיכנסה בפעם ראשונ׳ למרחץ ולטבילה יתנה חצי ר״ט ולכל הפחות א׳ זהב האָלענדש”[29]. אין דער לאַנגפֿורער קהלה האָט מען אין יאָר תקל״ט צװישן די מקוה-הכנסות פֿון

28 תּקנות קראקא, XI, 95, § 81. אַ חוץ אַנדערע אָפּצאָלונגען.

29 ציונים, 179, סימן צד. װעגן דעם געלט-װערט זען ז׳ 167. זען אױך: רשומות, א׳, 357, § 44.

שמש אַרײַנגערעכנט: „הכלה בעד ב׳ טבילות מחויבת ליתן לו לכל הפחות א׳ ר״ט״ [30]. אין דעם פֿרימאָרגן פֿון דער התונה האָט מען חתן־כּלה געפֿירט מיט פּאַראַד אין שולהויף, מען פֿלעגט זיי באַשיטן מיט ווייץ און געווּנטשן: פּרו ורבו! אין אַנדערע קהלות פֿלעגט מען אַרײַנטאָן אין ווייץ געלט, וואָס די אָרעמעלײַט פֿלעגן כאַפּן. אין אַמסטערדאַם האָט מען אין יאָר תפ״ב געפֿונען פֿאַר נויטיק צו מבטל זײַן דעם מנהג, כּדי אויסצומײַדן געוויסע מכשולים: „אך זאל דער מיאן פירן קיין געלט אין דעם ווייץ טאן, דש חלילה קיין מכשול דער פֿון קומן זאל״ [31].

בכלל האָבן פֿאַרצײַטיקע פֿאַרמעגלעכע ייִדן זיך נישט פֿאַרגונען צו פּראַוועון שׂמחות, נישט מהנה צו זײַן אָרעמעלײַט. אַ שׂמחה ווו אָרעמע האָבן זיך נישט מיטגעפֿרייט, איז נישט געווען קיין גאַנצע שׂמחה. אַזוי איז אויפֿגעקומען דער „אָרעם־מאָלצײַט״. גענוי ווען, איז שווער צו זאָגן. אין אַנדערע מקומות האָט מען דעם אָרעם־מאָלצײַט געפּראַוועט אין איין צײַט מיט דער חופּה־וועטשערע, נאָר אויף באַזונדערע טישן [32]. אין טייל ערטער ווידער האָט מען זיך מקדים געווען מיט אַ טאָג פֿריִער. אַזוי אַלנפֿאַלס באַשרײַבט א. צעדערבוים אַן אָרעם־מאָלצײַט פֿון איבער הונדערט יאָר צוריק: „אַ טאָג פֿאַר דער הופּה האָט מען געמאַכט איין אָרעמע מאָלצײַט פֿאַר בכבֿודע אָרעמע, קלויזער מיט פֿיש און געבראָטנס מיט אַ צימעס, מעד אָדער ווײַן. כּלי־זמר האָבן געשפּילט און די מחותּנים האָבן זיך משׂמח געווען, געטאַנצט מיט זייערע אָרעמע ברידער, וועלכע האָבן זיי הערצלעך צוגעווּנטשן. בײַם אַוועקגיין האָט יעדער געקראָגן **עפּעס מזומן**, בײַ טייל אויך אַ פּאָרציע רוי פֿלייש אויף אַ וועטשערע פֿאַר דער פֿאַמיליע אין דער היים און אַ שיינע בולקע״ [33].

לגמרי פֿרעמד קלינגט פֿאַר אונדז די מצווה פֿון קויפֿן אונטערפֿירערכץ. פֿרעמד — ווײַל איינע פֿון די האַרציקסטע ברכות בײַ ייִדן איז געווען און איז נאָך ביז הײַנט די ברכה, אַז עלטערן זאָלן זוכה זײַן צו פֿירן זייער קינד צו דער הופּה. לאָזט זיך גאָר אויס, אַז אַמאָל איז דאָס אויך געווען איינע פֿון די מצוות, וואָס מען האָט זיך גאָר געקוואַפּעט אַרײַנצוכאַפּן, ווי אַלע אַנדערע מצוות, און ייִדן פֿלעגן זיך לאָזן קאָסטן געלט פֿאַר דעם זכות צו פֿירן ייִדישע קינדער צו דער הופּה. הכנסת־כּלה (אונטערפֿירעניי) איז איינע פֿון די מצוות, וואָס מען מעג אויסגעבן אַפֿילו פֿון **מעשׂר־געלט**.

ס׳איז אַזוי ווײַט דערגאַנגען, אַז מען פֿלעגט משחד זײַן די כּלי־קודש פֿאַר דעם זכות. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין יאָר תק״ע האָט מען אין

---

30 בלעטער פֿאַר געשיכטע, וואַרשע, 1957, X, 121, סעיף ה׳. פֿון שפּעטערדיקע תּקנות, פֿון יאָר תקנ״ג, וועגן חתונות און שׂמחות, זעען מיר, אַז מען האָט זיך נוהג געווען צו פּראַוועון אַ שטיקל שׂמחה אויך בשעת דעם באַקן פֿאַר דער חתונה און מקווה־פֿירן, צוליב וואָס מען האָט באַגרענעצט די צאָל אײַנגעלאַדענע: „בייא חלה באקן אונד מקוה פיהרן דער ניט מעהר נשים גיבעטן ווערדי, אליש 4 ווארונטער אונטר פיהררש גירעכנט זיין״ (דאָרט, 138, 10).

31 מער פּרטים אין מײַן „מפנקסו של חזן ובדחן״, מנחה ליהודה, ירושלים, תש״י, 145־146, הערה 9.

32 „בחתונות עשירות עורכים בשעת המשתה שאחרי החופה שולחנות מיוחדים לעניים״ (א. דרויאַנובֿ, רשומות, א׳, 361, ט״ו).

33 קול מבשׂר, תרכ״ו, נומ׳ 9, 132. אַזוי אויך אין אַנסקיס דער דבוק קומט פֿאַר דער אָרעם־מאָלצײַט מיט אַ טאָג פֿריִער. ווי גרויס ס׳איז געווען דער „עפּעס מזומן״ איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען תּלוי אין דער גבֿירשאַפֿט פֿון בעל־שׂמחה.

קאַרעליטש אָנגענומען אַזאַ שטרענגע תקנה: „שמכאן ולהבא אסור גמור וחתיכא דאיסורא לכל מי שיַעלה על רוחו להיות קווא(ר)טיר או אונטערפירער לבל לתן צושרייאך לשום כלי קודש בלי שום הוראת היתר בעולם״[34].

אונטער דער חופּה — געפֿינען מיר גראָד בײַ די קרימטשאַקעס אויך אַ געלט־צערעמאָניע. אָט איז די באַשרײַבונג: „חתונה האָט מען בײַ זיי גאָר יונג, ווי אַמאָל בײַ אונדז. די צערעמאָניע פֿון דער חתונה איז אויף דער טאַטערשער אַרט. אונטער דער חופּה נעמט דער רבֿ אַ האָן און דרייט אַרום די חתן־כּלהס קעפּ, ווי מען שלאָגט כּפּרות און וואַרפֿט אים אַוועק[35]. דערנאָך באַשיט מען דאָס פּאָרפֿאָלק מיט געלט: רײַכע מיט גאָלד און זילבער, אָרעמע מיט קופּער... דאָס געלט, וואָס מען באַוואַרפֿט דערמיט די חתן כּלה, כאַפּן די אָרעמעלײַט״[36].

אין ליטע און אוקראַ:נע איז געווען דער מנהג, אַז ווען חתן־כּלה פֿלעגן גיין פֿון דער חופּה, פֿלעגן די וואַסערטרעגער זיי אַנטקעגן גיין מיט פֿולע עמערס און חתן־כּלה פֿלעגן אַרײַנוואַרפֿן אין די עמערס מטבעות[37].

מיר לאָזן דורך כּל מיני געלטער, וואָס איז געפֿאַלן אויף אַ חתונה מצד די מחותּנים און געסט צוגלײַך; אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים און אונטער פֿאַר־שיידענע נעמען, ווי ס׳באַווײַזט די שטודיע, האָבן די כּלי־זמר, סאַרווער, בדחנים און סתּם כּלי־קודש אַרויסגעקראָגן מזומנים בײַ די בעלי־שׂמחות, קרובֿים און פֿרײַנד (זען אויך נומ׳ 57). פֿון דרשה־געשאַנק איז דאָך שוין אָפּגערעדט. נאָכן עסן פֿלעגט דער בדחן אויסרופֿן: חתנס צד, כּלהס צד. „היץ מחותּנים און קרובֿים גיבן כּמעט אַלע געסט מערכּטנס מזומן, און דער מאַרשעליק רופֿט זיי אויס מיט די נעמען. אַלעס ווערט געלייגט אויף אַ טאַץ. דערנאָך רופֿט מען צו די כּ:ּה זי זאָל עס צונעמען״[38].

מיט דרשה־געשאַנק אַליין נאָך דער חופּה האָט זיך ווײַט נישט פֿאַר־ענדיקט די פּרשה געלט אויף אַ יִדישער חתונה. אין משך פֿון שבעת ימי המשתּה — אַזוי לאַנג האָט זיך דאָך אָפֿיציעל געצויגן אַ חתונה — פֿלעגט די

34 רשומות, סדרה חדשה, תל־אביב, תש״ו, א׳, 165, ז׳.

35 אַן ענלעכן מנהג ברענגט טשאָרני צווישן די גרוזינער יִדן. נאָר דאָרט קומט פֿאָר די צערעמאָניע, ווען מען ברענגט די כּלה פֿאַר דעם חתנס הויז. דער חתן גייט אַרויף אויפֿן דאַך מיט אַ ווײַסן האָן און אַביסל רײַז אין זײַן האַנט. ער וואַרפֿט צוערשט די רײַז אויף דער כּלהס קאָפּ און לאָזט פֿליִען דעם האָן איבער איר קאָפּ, ווי אַ סימן פֿון פֿרוכפּערונג (יוסף יהודה טשאָרני, ספר המסעות, פּעטערבורג, תרמ״ד, 159־160).

36 ג. הארנפעלד, קול מבשׂר, תרכ״ח—1867, נומ׳ 41, [301]/ג).

37 זען הערה 31. לויט מ. ריבקין פֿלעגט דאָס אויך טאָן די שבת־גויע. „בײַ אַ חתונה פֿלעגט זי באַגעגענען חתן־כּלה מיט אַן עמער וואַסער״ (דער ווּעליזשער בלוט־בלבול, ווילנע, 1914, 79). ווי באַלד אַז אויך ניט יִדן האָבן דורכגעפֿירט דעם קבלת־פּנים פֿון חתן־כּלה מיט וואַסער, איז אפֿשר אָנצונעמען, אַז דאָס זײַנען שותּפֿותע סימנים פֿון ברכה, נישט דווקא קיין יִדישע. אין די גערמאַנישע געלט־אַבערגלויבענישן אין שײַכות מיט חתונה, III Handwörterbuch des Deutschen Aberglaubens, 613־614, געפֿינען מיר אַנדערע סימנים, אָבער נישט דאָס אַנטקעגן גיין מיט וואַסער.

38 א. צעדערבוים, קול מבשׂר, תרכ״ו, נומ׳ 9, 136. נײַע צײַטן, נײַע ווינטן. אין אָנהייב פֿון דער קולטור־געשיכטלעכער סעריע „דיא מאָדע״ פֿון צעדערבוימען, ווערט צווישן די פֿײַנע נוצ־לעכע נײַע מאָדעס באַגריסט אויך: „די מאָדע קיין דרשה־געשאַנק ניט צו נעמען בײַ יעדן, וואָס ווערט אײַנגעלאַדן צו דער חתונה און דער מאַרשעליק זאָל אויסרופֿן; פֿאַרוואָס זאָל עס אויסזען ווי געבעטלט פֿון דעם יונגן פּאָרפֿאָלק ווען ?״ (דאָרט, אָנהייב נומ׳ 3). פֿג״ל אויך נומ׳ 359 אין דער שטודיע.

כלה (דאָס יונגע ווײַבל) באַקומען נאָך מתּנות און געלט בײַ פֿאַרשיידענע גע־לעגנהײַטן (זען נומ׳ 479, 76, 639, 624) און איבערריידן.

אַ חוץ דעם האָט נישט איין מאַמע מיטגעגעבן, מיט אַ ציטער אין האַרצן, זייערע טעכטער מטבעות פֿאַר סגולה וועגן. מײַן פֿרוי האָט מיר דערציילט, אַז אין זייער געגנט אין פּוילן פֿלעגט מען בײַם אײַנשיטן פֿעדערן צו דער וויפּראַווע אויך אַרײַנלייגן אָדער אײַננייען אין דעם אײַנשיטעכן געלט פֿאַר הצלחה און ברכה. די סגולה איז געווען באַקאַנט און אָנגענומען אויך אין אַנדערע מקומות און געגנטן: אַז מ׳פֿלעגט געבן אַ כלה בעטגעוואַנט, פֿלעגט מען אַרײַנלייגן מטבעות אין די קישנס אָדער פּערענעס, אַ סגולה אַז זי זאָל באַגליקט ווערן[39].

אָבערגלייבעניש, פּידוע, ווייסן נישט פֿון קיין גרענעצן, וואַנדערן אַפֿילו איבער דעם אוקיינוס. מיר איז אויסגעקומען צו דערוויסן זיך דאָס ערשטע מאָל פֿון דער סגולה גראָד אין בראָנקס־ניו־יאָרק, ווען איך האָב געדונגען אַ צימער בײַ אַ יונג פּאָרפֿאָלק. איין מאָל האָב איך אָנגעטאַפּט האַרטע זאַכן אין קישן. אויף מײַן שאלה, וואָס דאָס באַטײַט, האָב איך באַקומען אַ תּשובֿה, אַז דאָס זײַנען מזל־מטבעות. איך געדענק שוין נישט, צי זיי אַליין זײַנען געווען „גרינע" אָדער קינדער פֿון עמיגראַנטן. די סגולה אָבער האָט מען אַריבערגעבראַכט פֿון דער אַלטער היים אין דער נײַער וועלט און מיטגעגעבן די קינדער, ווען זיי הויבן אָן אַ נײַ משפּחה־לעבן.

## ד. יושרדיק געלט

כל הגוזל את חברו שוה פרוטה כאילו
נוטל נשמתו ממנו (בבא קמא, קיט)

ווען די קינדער גייען אַרויס פֿאַר זיך, איז דער אידעאַל בײַ ייִדן געווען צו בויען דאָס לעבן מיט צדק, אויף גערעכטע יסודות, פֿירן משא ומתן באמונה, ערלעך האַנדלען.

נישט קיין וווּנדער, אַז מיר געפֿינען אין דער שטודיע אַ געלט־ציקל אונטער פֿאַרשיידענע נעמען, וואָס אין תּוך מיינט דאָס נאָר איין אידעאַלער געבאָט: געלט פֿון יושר!

דורות האָבן זיך דערצײלט מיט אַ ציטער פֿאַר אַ פֿרעמדן גראָשן. אין יעקבֿ קרעפּליאַקס אַ דערציילונג כאַפּט זיך אַרויס אַ ייִדיש ייִנגל „**פֿרעמדגעלט** אַרט אים דען" (נומ׳ 481). אין דער „שותא דינוקא" דערהערט מען אַ גאַנצן וועלט־באַנעם פֿון ערלעכקײַט.

די גאַנצע הלכה און מוסר־ליטעראַטור איז פֿול מיט דער פּראָבלעם. תּמיד האָט מען געוווּסט, אַז ס׳איז שווערער צו זײַן אַן ערלעכער ייִד ווי אַ פֿרומער ייִד. נאָך מער, ר׳ צבי־הירש קיידענאָווער, וואָס האָט מיט זײַן מוסר־ספֿר משפּיע געווען אויף דעם לעבנסגאַנג פֿון דורות ייִדן און ייִדענעס, זאָגט בפּירוש: „די עיקר פֿרום קייט שטעקט אין געלט, וועלכר אויף געלט איז בישטענדיקט דער הייסט פֿרום"[40].

---

39 ע. בן־עזרא, מנהגים (ד. סימנים און סגולות), אין: האָראָדעץ, אַ געשיכטע פֿון אַ שטעטל, ניו־יאָרק, תש״ט, 176/ב, נומ׳ 112.

40 קב הישר, ורנקבורט דמיין, תס״ה, קא, פרק נב.

„דרום — פֿירט אויס אַן אַנדער בעל-מוסר — זאָל זיך קיינר פֿון דען יצר הרע פֿר פֿירן לאזן איין עבירה צו טון פֿון געלטש וועגן, דען דאש געלט פֿר גיט אונ׳ דיא עבירה בישטיט״[41]. „דען געלט פֿר לארן הייסט ניקש פֿר לארן נשמה פֿר לארן דש הייסט פֿר לארן״[42].

דאָס ווערטל „ער איז אַ רעכטער עושר״ איז צו פֿאַרשטיין נישט נאָר ווי אַן אמתער יוסטער גבֿיר, נאָר אויך אַן אָרנטלעכער גבֿיר. אין דעם זינען מיינט און שרייבט ר׳ יחיאל מיכל עפשטיין: „אזו דר נייארט איין ווייניג איין עושר איז מכל שכן ווער איין רעכֿטר איז, דער קאן האבן אליביידי עולמות, דיא וועלט אונ׳ יעני וועלט, וואָל צו אים אונ׳ וואָל צו זיינר נשמה״.

יעדער מענטש זאָל תּמיד געדענקען, אַז ווען עס רעדט זיך וועגן טאָג פֿון דין איז די ערשטע שאלה: צי האָסטו געהאַנדלט ערלעך, נשאת ונתת באמונה?[43]

דעריבער איז צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דער מחבר פֿון אַ פּראַקטישן רעכנ-ביכל אליקום געציל הירשן זאהן פֿון מאָהלעוו, וואָס האָט באַצוועקט ווי ער שרייבט אין זיין „הצעה בלשון אשכנז״: „דאָש ביהעל האב איך אייך מיינע פריינד גימאחט איר זאלט אייך גרינג קענין אויש רעהינין אין דעם האנדיל... אויף אללערלייא מקהים וואש עש קען זיך גיוויינטליך טרעפֿין״, געפֿינט פֿאַר נויטיק צו באַטאָנען אין זיין העברעישער הקדמה אויך דעם מאָראַלישן ווערט: „וכבר ידעת כי דין פרוטה כדין מאה, וכל שלא מחל לו הברו הוי גזלן, **ואנכי בעיני ראיתי והכרתי ברבים המצטערים על כל זה מאוד**״[44]. אַזוי איז געווען אַפֿילו די סוחרישע עטישע אַטמאָספֿערע, אָרנטלעכקייט האָט מען געאָטעמט מיט דער פֿרומער לופֿט אַרום. מען האָט פּשוט איינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך יענעם ציטער פֿאַר פֿרעמדגעלט און דעם ווונטש צו לעבן מיט אַ כּשרן גראָשן.

ווי האָט דאָס געקענט זיין אַנדערש? אַז אַלע נאַכט בײַם קריאת שמע לייענען פֿאַרן שלאָף, פֿלעגט מען זאָגן דעם „וידוי הגדול״ און זיך מתוודה זיין „איך האָב גיגנבת פֿרעמדגעלט״, „האָב גלייקנט פֿרעמדגעלט״ און אַפֿילו אַז „איך האָב איבר געגפֿרט מיין הברש געלד אין הענט פֿון גויב״[45].

נאָך הײַנט צו טאָג ווען מען דאַוונט אין אַ מחזור מיט עבֿרי-טײַטש, געפֿינט מען געלט-משלים אין די דבֿרי-מוסר און פּירושים. שוין די „התעוררות לפני תפלת יוהכ״פ״ הייבט זיך אָן מיט אַ משל: „גרויסע סוחרים פֿון תּבֿואה (געטריידע) וואָס פֿאַרדרייען די קעפּ אַ גאַנץ יאָר, זיי לײַען אויף געלט אַזוי זיי באַקומען, אָרעמע געלט, **אַלמנשע און יתומשע, איינגעלייגטע געלט און קויפֿן**

41 ר׳ יחיאל מיכל עפשטיין, דרך הישר לעולם הבא, פרנקפורט דמיין, תס״ד, קב/ב. דאָ האָבן מיר די שפּראַכלעכע פֿאָרם פֿאַרן שפּריכוואָרט: „אַ פּאַטש פֿאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט״.

42 דאָרט, צה/א.

43 בשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה (שבת, לא).

44 גילדן גאלד רעחנונג, באהלוב, אָן יאָר, אַרום תק״ע.

45 סדר קריאת שמע על מטתו... גם האבין מיר גישטעלט דיא גרושי ווידוי אויך אויף לשון קודש אונ אויף טייטש אז איטליכר מענש זאל מתוודה זיין אלי אויף דר נאכט פר דעם שלאף... אָן דרוקאָרט (געדרוקט אין רוסלאַנד), תק״פ. וועגן פֿריערדיקע און אַנדערע אויסגאַבעס פֿון קריאת שמע לייענען, זען מײַן הערה אין יידישע שפּראַך, ב׳ XVIII.

אויף זוימען און געטריידע ביסלעכווײַז גרויסע מאַסן, ביז זיי קלײַבן אויף איין שיף אַ גאַנצע אַוועק שיקן נאָך פֿרײַסן... און די תּבֿואה איז דאָך **פֿרעמדע געלט**". און ענדיקט זיך מיט אַ מוסר פֿאַר גזילה: „ביותר דאַרף מען נעמען אויף זיך צו פֿאַרריכטן דעם עוון פֿון גזילה, זיך צו רייניקן פֿון איין פֿרעמדן גראָשן, דען דער עוון פֿון גזל איז מקטרג מער אַלס אַלע עבֿירות און ער איז מעכּבֿ די תּפֿילות, דאָס זיי זאָלן ניט אַרויפֿגיין פֿאַר גאָט"[46].

פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דעם פּרט פֿון **יענעמס געלט** איז נישטאָ קיין חילוק אין מוסר־היהדות צווישן ייִד און ניט־ייִד, צווישן ייִדישע און גוייִשע **פֿרעמדגעלט**. פֿאַרקערט, ווען עס רירט אָן אַ גוי, איז דאָס נאָך האַרבער, ווײַל עס שמעקט מיט חילול השם, און דאָ איז גילטיק: „חמור גזל הגוי מגזל ישראל מפּני חילול השם"[47].

רירנדיק ביז גאָר איז די מעשׂה, וואָס ווערט געבראַכט ווײַטער אין דער שטודיע, וועגן אַ ייִד וואָס האָט פֿאַרלאָרן זײַנע קינדער און זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן. ער האָט זיך געקלאָגט פֿאַר אַ חסיד וועגן זײַן ביטערן גורל און נאָך צוגעגעבן, אַז זינט דעם טויט פֿון זײַן גוייִשן אַרבעטער, האָט זיך פֿון אים ווי אָפּגעטאָן די הצלחה. אויף דעם הסידס שאלה: „טאָמער האָסטו אומרעכטגעלט?" האָט דער ייִד זיך מתוודה געווען: איך האָב אַלע מײַני טאָג קיינם מענשן און רעכט גיטאָן, נייאָרט דעם גוי האָב איך און רעכט גיטאָן, איך האָב אים טעות גימאַכט. אזו האָט דער הסיד גיזאָגט: גאָט איז גירעכט, מן דאַרף איינם גוי אָך ניט און רעכט טון. דרום איז דיר דאָש אליש צו קומן. מן דאַרף קיינם גוי און רעכט טון" (זען: אומרעכטגעלט; פֿג"ל אויך: פֿאַלשגעלט).

אַ מעשׂה וואָס אילוסטרירט בעצם אַן אַנדער מימרא אין דער אויבן דערמאָנטער תּוספֿתּא: „הגוזל את הגוי ונשבע לו ומת אינו מתכפּר לו מפּני חילול השם".

נאָר אין אַזאַ טראַדיציע האָט געקענט אויסוואַקסן אַ ייִד ווי וועלטשיק יחיאלס, וואָס האָט מקדש השם געווען מיט אָפּגעבן אַ רוסישן פּאָלקאָווניק נאָך אַ צוועלף־דרײַצן יאָר אַ פּעקל מיט געלט, אַכט טויזנט רובל, וואָס ער האָט בײַ אים געלאָזן אַ פּקדון אַוועקגיין אין דער קרימער מלחמה.

„אָט האָט איר — האָט געזאָגט וועלטשיק יחיאלס צום פּאָלקאָווניק — אײַער פּאַקעט. דאָ איז די געלט, עס איז נישט גערירט געוואָרן. עס איז אײַער אייגנס. אײַער אייגן **כּשר געלט**!"[48]

אין ייִדישן ספר עמנואל, זאָל זײַן אַ פּאַראַפֿראַזע פֿון עמנואל רומיס התּופת והעדן, געפֿינט זיך אַן אַנטי־קריסטלעכע פּאָלעמישע מעשׂה וועגן אַ גרוב פֿאַר „דעם רשע (לבן האלקי)" (אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס אויסגעלאָזן די לעצטע צוויי ווערטער), וואָס „האָט געזאָגט משיח איז שוין געקומען"" (שפּעטער צענזורירט: „אַז משיח וועט נישט קומען") — ווערט אויך פֿאַר־רעכנט צווישן די גאָר האַרבע עבֿירות, אַז ער „עסט אויף **פֿרעמדגעלט**"!

---

46 מחזור כל בו עם פּירוש עברי טייטש בשם בית ישׂראל וילקוט פּנינים יקרים ומעשׂה אלפֿס. נוסח אשכּנז. יום כּפּור. ניו־יאָרק, אָן יאָר, היבּרו פּאַבּלישינג קאָמפּאַני. אויסלייג געביטן.

47 תּוספֿתּא, בבא קמא, י; פֿג"ל אויך אין תּוספֿות בבא מציעא, פּז/ב, אלא; בכורות, יג/ב, כּמאָן.

48 י. קאָפּעלאָוו, אַמאָל איז געווען, ניו־יאָרק, 1926, 94—108.

לאָמיר דאָ איבערגעבן דעם לעצטן טייל פֿון דער מעשׂה אין נישט צענזורירטן וואַריאַנט, נאָר מיט אַ געביטענעם אויסלייג:

דער רשע האָט קיינמאָל קיין גוט וואָרט אויס זײַן מויל געלאָזן. די אמונה פֿון ישׂראל האָט ער געהאַלטן פֿאַר (שקר וכזב). ער האָט לײַט מרמה געווען און האָט אויסגעצויגן פֿאַלשע בריװ אויף לײַט און האָט זיי דווקא געצוואונגען אום שבת, אַז מען זאָל אים באַצאָלן. און האָט געלעסטערט אין גאָט אַז ווי (בלעם בן בעור). ער האָט געוואָלט די ישׂראל פֿאַרשעלטן (שפּעטער פֿאַרביטן: ער איז אָנגעשטאַנען לײַט אויף זייער לעבן). און עסט אויף פֿרעמדגעלט. ער האָט גערעדט פֿיל בייז אויף גאָט און אויף משיח. ער האָט געזאָגט משיח איז שוין געקומען[49].

מיר זײַנען ווײַט פֿון אידעאַליזירן, אַז יִדן זײַנען אַלע מאָל געווען אַ פֿאָלק פֿון כולו צדיקים. וואָלט דאָס געווען דער פֿאַל, וואָלט מען דאָך נישט באַדאַרפֿט כּסדר אַזוי פֿיל מוסרן, אַזוי פֿיל האַמערן צו זײַן גוט און פֿרום וועגן געלט פֿון יושר; וואָלטן דאָך אָרנטלעכע מענטשן נישט געווען קיין רבותא.

גענוג אַמאָל, אַז אַן אַנעקדאָט זאָל אונדז אַרײַנפֿירן לפֿני ולפֿנים פֿון אונדזער פּראָבלעם. מען דערציילט אויף אַ געווִיסן רבֿ, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון רבנות. די בעלי־בתּים זײַנען צוגעשטאַנען צו זייער מרא דאתרא מיט שאלות, פֿאַרוואָס ער פֿאַרלאָזט זיי. האָט דער רבֿ געענטפֿערט: „אַלערלײ שאלות קומט מען מיך פֿרעגן, נאָר קיינער איז נאָך נישט געקומען מיך פֿרעגן, צי דער רובל וואָס ער פֿאַרדינט איז אַ כּשרער".

אַן אָפּקלאַנג פֿון דעם געפֿינען מיר שוין בײַ אליקום צונזער אין אַ ליד געשריבן 1858, פּונקט הונדערט יאָר צוריק:

נאָר דײַן רובל האָט גאָר די מעלות,
דײַן חבֿרים איז בײַ דיר אומזיסט,

49 ספר עמנואל... מעתיק געווען פֿון לשון הקודש אויף דייטש... אַ חמוד. לויט דרוק־סימנים: לעמבערג, תקס"ה, 24°, צו"ר שריפֿט, ז"ז 28. נישט צענזורירט. עקז' אין סעמינאַר־ביבליאָטעק. דאָס פֿאָלקסביכל פֿאַרדינט אַ ביבליאָלאָגישע נאָטיץ. ר' חיים ליבערמאַן האָט מיר נישט נאָר אָנגעוויזן אויפֿן מקור, נאָר אויך באַמערקט ביבליאָגראַפֿיש, אַז עס זײַנען בנמצא צענזורירטע אויסגאַבעס. בקצור האָט באַשריבן דעם ספר עמנואל ישׂראל צינבערג על־פּי אַן עקז' אין לענינגראַדער מלוכה־ביבליאָטעק. אַ חמוד. ער איז משער, „אַז ס'איז געדרוקט אין סוף אַכצנטן י"ה" און גיט נאָך צו אין אַן הערה: "עס איז בלי־ספֿק ניט די ערשטע אויסגאַבע" (פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, ווילנע, תרפּ"ט, III, 181—184. אַרײַן טײלווײַז אין זײַן: די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ יידן, ווילנע, 1935, VI, 233־234). פֿון ציגבערגס באַשרײַבונג איז שווער צו וויסן, צי זײַן עקז' איז אַ צענזורירטער אָדער נישט.

נח פּרילוצקי האָט פֿאַרצייכנט דרײַ דריקן (ייוואָ־בלעטער, I (1931), 424־425). ער ברענגט די אויסגאַבע וואַרשע. תרכ"ה. אַן עקז' אויך אין יִער ליובאַוויטשער ביבליאָטעק. ייִוואָ פֿאַרמאָגט אויך די אויסגאַבע פֿון ווילנע 1878 (אויף דער הילע: תרל"ח), אָבער אָן דעם גרויסן אויפֿן שער, וואָס אין פּרילוצקיס עקז' (1788 במקום 1878) און געזעצט נישט מיט געכתיבֿעטע אותיות, נאָר מיט אותיות מרובעות און מיט ניקוד. אויב פּרילוצקי האָט נישט געמאַכט קיין טעות, קומט אויס, אַז דער זעלבער דרוקער האָט אָפּגעדרוקט אין איין יאָר (תרל"ח—1878) צוויי אויסגאַבעס!

דערווײַלע לאָזט זיך אויפֿציילן נאָך אַ פּאָר דרוקן: 1) לבֿובֿ, תקס"ה. 2) אַ חמוד, פּסוידאָ־אַמסטערדאַם. אותיות מרובעות מיט ניקוד, 12°, ז"ז 16, פֿעלט די גאַנצע מעשׂה. 3) איידטקוהנען, 1873 (זען 4). 4) ווילנע, תרל"ט—1879. דרוק מץ, אַרויסגעבער צינקעס, 16°, ז"ז 32, אותיות מרובעות מיט ניקוד. אויפֿן שער אָנגעוויזן אויף רוסיש, אַז ס'איז אַן איבערדרוק פֿון איידטקוהנען 1873 (2 און 4 אין ליובאַוויטשער ביבליאָטעק). די אויסגאַבעס וואַרשע תרכ"ה, ווילנע תרל"ח און תרל"ט זײַנען אידענטיש, אַחוץ נישט וויכטיקע שפּראַכלעכע שנויים.

אויף טעפּלעך, לעפֿל פֿרעגט מען שאלות<br>
אויף אַ רובל קיינמאָל נישט[50].

מיט יאָרן שפּעטער פֿאַרטײַטשט צונזער אַליין:<br>
אויף אַ טעפּל מיט אַ לעפֿל קומט מען אַלע ווײַלע,<br>
נעכײַ האָלט מען פֿרעגן אויפֿן רובל אַ שאלה?<br>
טאָמער איז דער רובל נאָך טרייפֿער ווי די געקעכץ?<br>
טאָמער איז דאָ פֿאַראַנען יענעמס טרער צי אַ קרעכץ?

(דער סנדק, סטר׳ צ).

ווי ווײַט נזהר רבנים זײַנען אַמאָל געווען אין ממונות, רעדט דער פֿאַקט, אַז אַפֿילו גרויסע רבנים פֿון באַרימטע קהלות, ווי ר׳ יום טוב ליפּמאַן העליר, דער תּוספֿות יום טובֿ, און ר׳ דוד ב״ר שמואל הלוי סג״ל, דער ט״ז, זײַנען געשטאָרבן אין פֿרעמדע תּכריכים, ווײַל זיי האָבן נישט געוואָלט נהנה זײַן פֿון מתּנות און נישט קיין יושרדיק געלט[50*].

ווי דער רובל זעט טאַקע אויס, וואָס מען מאַכט אַלץ פֿון אים, איז מגלה אַן אַנאָנימער פּובליציסט פֿון אָנהויב די אַכציקער יאָרן, וואָס האָט שאַרף קריטיקירט די נעגאַטיווע דערשיינונגען אין ייִדישן לעבן פֿון יענער צײַט: „דער רובל דאַרף ניט פֿאַרשײַנען דעם מענטשן, נאָר דער מענטש דאַרף פֿאַרשײַנען דעם רו״כ. דער רובל איסט באַשאַפֿן מיט איין נאָמען „רובל״, דאָס הייסט ערלעכער רובל, און אַזוי דאַרף ער בלײַבן, נאָר לײדער האָט ער יתרוס נעמען: געגאַנוועטער רובל, געשווינדלטער, פֿאַלשער, געקאַספּערטער רובל, אַוועקגענומענער רובל, יתומישער רובל, אַלמנותער רובל, אַך! עס איז פֿון מענטשן זייער אומרעכט, נעמען אַ ריינע זאַך, אַן ערלעכע זאַך מיט איין נאָמען און פֿאַרשמוצן אים מיט אַ סך נעמען״[51].

וואָס איז כּשר־געלט?

וועגן דער שאלה האָט מען דן געווען אין הסידישן בית־המדרש. און ווער? דרײַ זײַלן פֿון הסידות — ר׳ פּנחס קאָרעצער, ר׳ לייב שׂרהס און ר׳ יעקב־שמשון שעפּעטקאָווער.

זיי זײַנען אַמאָל געזעסן און האָבן געשמועסט — וויל האָבן אַ חסידישע מסורה — וועגן ייִדישע צרות, גלות השכינה און סתּם גזירות רעות. דער שמועס האָט גורם געווען עצבֿות און זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי אויך אַרײַנפֿאַלן אין אַ מרה־שחורה, וואָס איז בגדר עבֿירה, רופֿט זיך אָפּ איינער: ווער ס׳האָט כּשר־געלט זאָל געבן און מיר וועלן קויפֿן יי״ש, כּדי צו האָבן אַביסל שׂמחה. אַ תּיקון צו דער נשמה.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די דרײַ אַ וויכּוח וועגן כּשר־געלט. יעדער האָט געוואָלט קויפֿן תּיקון און האָט אָנגעגעבן אַ טעם פֿאַרוואָס זײַן געלט איז כּשר.

---

50 ליעדער, ניו־יאָרק, 1928, 212/א, סטר׳ 7.

50* לכן ירחק אדם מן ממון שאינו של יושר ויהא לו מדת ההסתפקות כאשר עשו אבותינו הראשוני׳. וסיפר לי הרב ר׳ ישראל [עלקושר] כשמת הגאון בעל תי״ט [תוספות יום טוב] לא הניח אחריו מעות לקנות לו תכריכין אף שהיה אב״ד בקראקא. וכן שמעתי כשמת הגאון בעל ט״ז [טורי זהב] שהיה אב״ד בק״ק לבוב וכל זה משום שלא פשטו ידיהם בממון שאינו של יושר ליתן להם מתנות (זעליג מרגליות, חבורי לקוטים, ויניציאה, תע״ה, ד/ב).

51 המגלה רזין דרזין, דער רייזענדער, וואַרשע, תרמ״ג, 14.

נמנו וגמרו, ס'איז בײַ זיי געבליבן, אַז נישט דאָס דיינות־געלט פֿון שעפּעטקאָווער רבֿ, נישט דאָס פּדיון־געלט פֿון ר' פּנחס קאָרעצער איז אמתע כּשר־געלט, נאָר אַ נדבֿה וואָס ר' לייב שׂרהס האָט באַקומען פֿון אַ ייִדן, דאָס איז כּשר־געלט[52].

מתנגדות האָט די שאלה, דורך דעם מויל פֿון אַ פֿרוי, פֿאַרענטפֿערט העכער:

„דאָס כּשרסטע געלט — האָט געזאָגט יהושעס מאַמע — איז דאָס, וואָס קומט פֿון דער ערד דורך דעם מענטשנס מי און דורך גאָטס ברכה"[53].

II

# משלים, מעשׂיות און סגולות

אין דעם קאַפּיטל וויל איך באַלײַכטן געוויסע ערכים פֿון דער שטודיע מיט אַ פּאָר קלענערע צוגאָב־בײַלאַגעס.

## א. באָדגעלט

די ייִדישע באָד פֿאַרדינט אַ פּרטימדיקע מאָנאָגראַפֿיע. מיר קענען זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, וואָס אַזאַ אינסטיטוציע ווי די באָד האָט אַמאָל געמיינט אין ייִדישן לעבן.

„אַז מען הייצט אין באָד, ווערט וואַרעם אין דער גאַנצער שטאָט" (בערנשטיין, באָד 2) — וויל האָבן אַ ייִדיש ווערטל. „פֿון אַ מרחץ זאָגט זיך אַ ייִד קיינמאָל נישט אָפּ" — על־פּי מענדעלע — „דעם טעם, וואָס אַ ייִד פֿילט אין אַ באָד, קען עס קיין אומה ולשון גאָרנית פֿילן" (אַלע ווערק, ב' 9, „מסעות בנימין השלישי", וואַרשע, 1928, 103).

י. ל. פּרץ באַשרײַבט די שטילע אָפּגעשטאַנענע ייִדישע „שטעט און שטעטלעך" און די שטילע מענטשן אַרום „מיט בלייכע מידע פּנימער, האַלב פֿאַרלאָשענע אויגן, אויסער — אַז מען הייצט אין באָד! דעמאָלט זעט מען אַמאָל מענטשן אײַלן זיך, לױפֿן מיט פֿלאַמענדיקע בליקן, מיט די בעזעמלעך אין די הענט — עס לעבט!" (אַלע ווערק, ב' 18, 82).

דעריבער איז זיך גאָרנישט צו וווּנדערן, וואָס בײַ זכרונות־שרײַבער און שילדערער פֿון דעם שטעטלשן לעבן פֿאַרנעמט די באָד אַ באַזונדער אָרט[1].

אין ייִדישן שפּריכוואָרט רעדט זיך וועגן אַ רבֿ מיט אַ בעדער (דער העכסטער און נידעריקסטער שטאַפּל פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן לייטער) אין איין אָטעם: „אַז דער רבֿ טוט אַ שידוך מיט דעם בעדער, האַלט זיך דער בעדער

52 אליעזר שטיינמאַן, „ממון כשר", אין: באר החסידות, סדרה שניה, תל־אביב, אָן יאָר, 296—298.

53 זען נומ' 308.

1 אויסער די שוין דערמאָנטע מקורים אין ערך גופֿא, זאָל דאָ נאָך פֿאַרצייכנט ווערן: צבי הירש קאַלפּ־ליפּשיץ, „ההקדש ובית המרחץ", „בית המרחץ", מדור לדור, וואַרשא, תרס"א, 49־53; בעלאַ שאַגאַל, „די באָד", ברענענדיקע ליכט, ניו־יאָרק, 1945, 20־34; הערש אַלטבוים, „אין מרחץ", מײַן שטעטל, בוענאָס־איירעס, תשט"ו, 155־164.

פֿאַר אַ רבֿ"; „אַז מען קריגט זיך מיטן רבֿ, מוז מען האַלטן מיטן בעדער" (בערנשטיין, רבֿ 5, 7).

דער בעדער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער פֿון קהל און איז געוואָרן אויסגעקליבן ווי די איבעריקע כּלי־קודש צוזאַמען מיט די רבנים, דיינים, שוחטים, חזנים, מלמדים און שמשים (תּקנות קראָקאָ, 323, § 19-36).

מען שרײַבט צו ר' עקיבא אייגערן, אַז ער האָט אויף דער עלטער געוואָלט זיך אָפּזאָגן פֿון רבנות, וואָס ער האָט פֿײַנט געהאַט, און ווערן אַ... בעדער!

איין מאָל איז ער געוואָיר געוואָרן, אַז אין אַ שטעטל לעבן פּויזן איז געשטאָרבן דער בעדער. האָט ער געשריבן צו זײַן טאָכטער, וואָס האָט געוווינט אין יענעם שטעטל, אַ בריוו און זי געבעטן קריגן פֿאַר אים דעם מרחץ אין אַרענדע, ער וויל כאָטש די לעצטע יאָרן זײַנע האָבן אַ כּשרע פּרנסה... (מ. ליפּסאָן, די וועלט דערציילט, ניו־יאָרק, תּרפּ"ח, 70, נום' 108).

אין אַ רײ תּקנות געפֿינען מיר רעגולאַציעס וועגן באָד און מקווה. אין די קראָקעווער תּקנות האָט מען מתקן געווען, אַז אויב אַ ייִד גייט אין גוייִשן מרחץ, זאָל מען דאָך דעם ייִדישן בעדער נישט מקפּח זײַן: „איין מאַן, דער דא גיט במרחץ של גוים, דער זאל דעם יודען בעדיר אודר זיין שומר מקודם נותן זיין איין טפ"ל [שילינג]; גיבט ער׳ש ניט, איז ער חייב קנס ב' גדולי'. בחורים גדולים וקטנים זולן כלל ניט טערין גין במרחץ של גוים" (346, § 68).

אין די מקווה־רעגולאַציעס פֿון אײַזנשטאָט פֿון יאָר תּקנ"ו (1795) האָט מען באַשטימט: „דער מקח איזט מכאן ולהבא פון איין גאנצע מקווה 1 fl. פון איין הלבי 30 kr., איין קעסיל 18 kr., איין מרחץ 12 kr." (וואַכשטיין, 178-181, נומ' 154, סימן ו').

אין די ערבֿים ‏גופֿא (זען נומ' 97, 122, 377-378) ווערן דערמאָנט פּרײַזן פֿאַר מקווה און מרחץ, וואָס איז פֿאַר אָרעמעלײַט, ווי מיר זעען דאָרט, נאָך אויך געווען צופֿיל. כאָטש אַ ווערטל איז גורס „אין באָד זײַנען אַלע גלײַך" (בערנשטיין, באָד 4), איז באמת דאָרט אויך געווען אַ מחיצה פֿון קלאַסן. מילא, יחזקאל קאָטיק דערציילט פֿון אַ קאַמעניצער גבֿיר, וואָס האָט „געשפּילט אַ מין ראָטשילד ראָלע", ער פֿלעגט זיך פֿאַרגינען, קומענדיק פֿון וועג, צו הייצן אין מיטן וואָך פֿאַר זיך אַליין די באָד, פֿון וואָס אַנדערע האָבן שוין דערווײַלע הנאה געהאַט (מײַנע זכרונות, וואַרשע, תּרע"ג, ו, 35-36; דאָרט אויף ז' 65 אויך אַ באַשרײַבונג פֿון דער קאַמעניצער באָד).

צו גיין אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, אַ וואָכנטאָג, אין מרחץ איז געווען אַ לוקסוס. כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פֿאַל ווי אַ פּראָגער ייִד איז מסיים אַ בריוו אין אײַלעניש, געשריבן פֿרײַטיק ט"ו כּסליו ש"ף: „דער מיט גוט שבת און' גיבענשטה יאר מוז מיט גבריאל לעב אים מרחץ גין לכבוד שבת קודש" (לאַנדוי־וואַכשטיין, *Jüdische Privatbriefe aus dem Jahre 1619*, 42, סוף בריוו 32).

שרײַבט א. מ. דיק וועגן די אַמאָליקע אשת־חילס: די מענער זייערע וואָרן אָרעמע ‏לומדים, זיי פֿלעגן זיך אַרײַנצוהײַזן אין די קראָמען נאָר אום פֿרײַטיק אום באַדגעלט צו בעטן בײַ די ווײַבער און פֿלעגן זיך געניג אָנוואָרטן

ביז זיי פֿלעגן עס באַקומען, און דאָס אויך מיט קללות און מיט זידלערייַ (אַמעריקאַנער געשיכטע, ווילנע, תרג"ט, I, 55, אין הערה).

פֿאַרבליבן אויך אַ בילדל פֿון אַ ייִדיש ייִנגל, וואָס רופֿט ייִדן אין באָד אַרייַן (מאיר באַלאַבאַן, יידן אין פוילן, ווילנע, 1930, טאָהל 32, נומ' 44).

„און די נגידים — שרייַבט ישׂראל איסר קאַצאָוויטש — לאָזן זיך אַרומטום פֿילן. ניט נאָר דעם מזרח אין בית־המדרש פֿאַרנעמען זיי, נאָר אויך דעם אויבן אָן אין באָד להבֿדיל, וווּ זיי זיצן זיך אַזוי ווי די פּריצים, וואַשן זיך ניט געכאַפּט און רעדן גאַנץ הויך וועגן וועלט־זאַכן, און איבערהויפּט קען מען זען זייער ברייטקייַט אויפֿן פֿאַל, ווו מען בעזעמט זיך. דער אָרעמאַן שמייַסט זיך און אויקעט און קרעכצעט זיך שטילערהייט, און דער נגיד צעעפֿנט עס אַביסל אַ געמבע און שרייַט מיט ווילדע קולות: ,האַ־האַ־האַ, הו־הו־הו', גלייַך ווי די גאַנצע וועלט איז זייַנע. און ניט נאָר דער שמש און דער בעדער באַדינען זיי, נאָר אַלע אָרעמעלייַט טאַנצן אַרום זיי און גיבן זיי אָפּ גרויס כּבֿוד" (זעכציג יאָהר לעבען, ניו־יאָרק, 1924, 77).

מען שרייַבט צו אַ זאָג פֿון אַ רבֿ, אַז די פּירעכץ אין באָד, די חניפֿה פֿון בעדער, זאָל האָבן געווען פֿאַר אים אין די יונגע יאָרן אַ מוסר־השׂכּל אויסצוקלייַבן זייַן וועג אין לעבן: „איך האָב ניט געוואָלט ווערן קיין רבֿ, איך האָב מיר באַטראַכט, וואָצו זאָל איך זייַן אַ רבֿ און דאַרפֿן הנפֿענען די נגידים אין שטעטל? ויהי היום זיץ איך אין מרחץ, זע איך ווי איינער קומט אַרייַן און דער בעדער שטעלט זיך אַוועק פֿאַר אים. עטוואָס שפּעטער זע איך ווי דער בעדער שטעלט זיך אויך און זאָגט איינעם אַ ברייטן גוט־מאָרגן. פֿרעג איך, ווער זייַנען דאָס די מענטשן, וואָס דער בעדער טיילט זיי צו אַזוי פֿיל כּבֿוד? ענטפֿערט מען מיר: דאָס זייַנען די שטאָטישע גבֿירים. זיי צאָלן אַפֿילו ניט מער **באָדגעלט** ווי אַנדערע, אָבער דער בעדער חנפֿט זיי. אויב אַזוי, האָב איך מיר געטראַכט — האָט דער יונגער רבֿ צוגעגעבן — אויב אַ בעדער חנפֿט אויך גבֿירים, קען איך דאָך שוין בעסער זייַן אַ רבֿ"... (הרב מאיר ברלין, פון וואָלאָזין ביז ירושלים, ניו־יאָרק, תרצ"ג, II, 329).

מענדעלע מוכר־ספֿרים האָט געזאָגט, אַז „די באָד האָט בייַ אים [בייַם ייִד] אַ גרויס שייַכות מיט זייַן רעליגיע". און ער אַליין איז געגאַנגען נאָך ווייַטער, אַזש צו דער ייִדישער געשיכטע. ווען מענדעלע קומט אין זייַן יודעל צו דער תקופֿה פֿון דער אינקוויזיציע און גרוש שפּאַניע, האָט ער נישט געפֿונען קיין אַנדער אַנאַלאָגיע ווי די באָד; קיין אַנדער פֿאַרגלייַך פֿאַר דעם צוגערויבטן ייִדישן פֿאַרמעגן ווי **באָדגעלט**:

און דער בעדער טאָרקוועמאַדע
הייצט אים ס'בעדל מיט פּאַראַדע.
ג'ווען אַ בעדער איז ער דאָך אַ טרייַער,
ס'ווערט אין בעדל היים, אַ העליש פֿייַער.
ס'זעצט די פּאַרע שטאַרק ווי זייַלן רויך,
און באָד־יונגען נעמען יודלען באַלד,
ציִען אים אויס, מחילה, העט־העט הויך,
פּאַרען אים די ביינער דאָרט מיט גוואַלד.
**באָדגעלט** — מיט אַ חוזק־מאַכן
מאַנען זיי אים שטאַרק —

לאָז אונדז, יודל, דײַנע זאַכן
און נאַ דיר אין קאַרק!

(אַלע ווערק, וואַרשע, 1928, ב׳ 7, וו, 143-144 (טו)).

## ב. צוויי געלט־משלים: דירה־געלט און פֿרעמדגעלט

מיר געפֿינען אַן אַ שיעור געלט-משלים אין דער ברייט פֿאַרצווײַגטער ליטעראַטור בײַ ייִדן, בפֿרט אין דער פֿאָלקס- און מוסר-ליטעראַטור. דאָס איז אַלץ גערעדט וועגן סתם געלט. דאָ איז די רייד וועגן צוויי משלים, באַזירט אויף צוויי געלט-טערמינען פֿון דער שטודיע, וואָס ברענגען אַרויס צוויי הפֿכים — דעם שטרענג פֿרומען און משׂכּילישן.

צווישן די פּאָפּולערסטע געלטער איז, כּידוע, **דירה־געלט**. ניצט דאָס דער פֿרומער הײַנטצײַטיקער מוסר־ספֿר מעשׂה אלפֿס פֿיגוראַטיוו, ווי אַ משל פֿאַר ייִ־דישקײַט. ער פֿאַרגלײַכט די תּורה און מצוות צו **דירה־געלט**: „אויב די ישׂראל וועלן נעמען די תּורה, ד״ה זיי וועלן זײַן אײַנשטימיק צו צאָלן **דירה־געלט**, אָבער ווען זיי וועלן ניט צאָלן קיין **דירה־געלט**, קען די וועלט קיין קיום ניט האָבן... האָט השי״ת צו זיי געזאָגט, איך וועל טאָן מיט אײַך ווי אַ ווירט טוט בעת דער שכן צאָלט אים ניט קיין **דירה־געלט**. וואָס טוט ער? ער וואַרפֿט אײַן די וווינונג, מוז דער שכן אָדער מקבל זײַן צו צאָלן אויף ווײַטער אָדער ער מוז אַרויסציִען פֿון די דירה. איך וועל אויך אַזוי טאָן, ווײַל דער ווירט פֿון די וועלט-הויז בין איך. איך האָב איר אײַך געגעבן נאָר בתּנאַי, אַז איר זאָלט מיר צאָלן **דירה־געלט**, יעצט אַז איר ווילט ניט צאָלן, איר ווילט ניט נעמען די תּורה, האָב איך צו אײַך גאָרניט, און נויטן וויל איך אײַך אויך ניט, נאָר מיט מײַן הויז מעג איך דאָך טאָן, וואָס איך וויל״ (אמ״ר [רובינשטיין]—בן ציון אלפֿס, מעשׂה אלפס דער בעריהמטער יונגער דרשן אָדער משיח אלמים, ווילנע, תּרס״ט, 29-33).

מאידך גיסא, ניצט דער משׂכּיל משה-אהרן שאַצקעס **פֿרעמדגעלט** ווי אַ משל מיט אַ נמשל צו די חומרות און סייגים, וואָס די משׂכּילים האָבן אין זייער צײַט, אין קאַמף פֿאַר תּקונים בדת, געוואָלט רעפֿאָרמירן. שאַצקעס פֿאָלעמיזירט:

„בקיצור די תּורה איז אונדזער פּרנסה און אונדזער חיוּת, זי איז פֿאַר אונדז אַ גוט געשעפֿט, אין דער רעליגיאָן געפֿינט זיך אייגן קאַפּיטאַל, דאָס הייסט דינים, וואָס שטייען אין דער תּורה, ווײַטער איז דאָ אין דער רעליגיאָן **פֿרעמדגעלט**, דאָס הייסט די תּקנות, גזירות און גדרים, וואָס די געשעפֿטס-פֿירער, די בעלי התּלמוד, האָבן צוגעלייגט צום קאַפּיטאַל... די קאַפּיטאַלנע מצוות. עס הייסט מצוות מן התּורה, קענען אַמאָל בײַ פֿאַרשיידענע סיבות ניט מפֿרנס זײַן די נאַציאָן ווי געהעריק איז, נאָ מוז מען מאַכן אַ הלוואה, עס הייסט אַ גדר, אַ חומרא, אַ תּקנה, נאָ דאָס קאָסט שוין פּראָצענט און גאָר אַ סך... אָבער ווען איז כּדאי צו צאָלן אַזאַ שטאַרקן פּ״צ? נאָר אַז מען זעט אַרויס פֿון די הלוואות, אַז זיי נוצן צום עסק, אַז זיי פֿאַרהיטן דאָס קאַפּיטאַל, אָבער ניט אַז די הלוואות זײַנען נאָך גאָר מזיק דעם קאַפּיטאַל, נאָ דאַכט זיך, אַז מען

ברויכט פֿון זיי פּטור צו ווערן. מילא יעדער רבֿ אין זײַן שטאָט איז דאָך דער געשעפֿטספֿירער פֿון דער רעליגיאָן, נאָ ברויכט ער גוט צו וויסן וויפֿיל קאַפּיטאַל איז דאָ אייגנס, עס הייסט מצוות פֿון דער תורה, און וויפֿיל פֿרעמדע געלטן עס געפֿינט זיך, וואָס קאָסטן גוטע פּ"צ, דאָס הייסט, תקנות און גזירות, גדרים און סייגים, כּדי ער זאָל זיך וויסן ווי נוהג צו זײַן מיט די הלוואות, ווען ער וועט זען, אַז זיי העלפֿן גאָר ניט צום קאַפּיטאַל... הײַנט זעט מען טאַקע דעם גרויסן היזק דערפֿון, אַז פֿון אַלע „דבֿרים שבעל פּה" פֿרעמדגעלט, איז געוואָרן גאָר „דבֿרים שבכּתבֿ" דורך גאַלע קאַפּיטאַל, אָבער דאָס קאָסט דעם עולם גרויסע פּראָצענטן, אַז מען קען שוין באַלד ניט צאָלן, און דאָס קרן קען אויך גאָר לײַכט גיין צו גרונט ה"ו" (דער יודישער פּאַר־פּסח אָדער מנהג ישׂראל, וואַרשע, 1881—תרמ"ג, 85-87).

## ג. קבֿורה־געלט

צו אַלע מקורים, אין ערך 511, וואָס לייענט זיך ווי איין לאַנגע אָנקלאַגע קעגן די הימל־שרײַענדיקע עוולות פֿון דער חבֿרה קדישא אומעטום, זאָל דאָ געבראַכט ווערן כאָטש איין סיפּור־המעשׂה, וואָס באַרעכטיקט אַמאָל די מעשׂים פֿון די גומלי־חסד של אמת.

די חבֿרה קדישא אין פּייזן האָט פֿאַרלאַנגט פֿון די קינדער פֿון אַ רווחים־ייִד, אַ פּראָצענטניק און אַ גרויסער קמצן, טויזנט ר"ט קבֿורה־געלט. די יורשים האָבן זיך באַשוועֿרט פֿאַרן מושל און פֿאַרמסרט קהל פֿאַרוואָס מען באַרײַסט זיי. דער מושל האָט געשיקט רופֿן דעם רבֿ, ר' עקיבֿא אייגער, און אים פֿאָרגעהאַלטן: הלמאי פֿאַרלאַנגט קהל פֿון זיי מער קבֿורה־געלט ווי מען נעמט בײַ אַנדערע? דערויף האָט אים ר' עקיבֿא אייגער געענטפֿערט: „מיר ייִדן גלויבן אין תּחית־המתים, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן די טויטע לע־בעדיק ווערן. ווען אַ ייִד שטאַרבט, איז דער קבֿר, וואָס קהל גיט אים, נאָר אַ צײַטווײַליקער אָרט, מיט משיחס קומען וועט קהל דאָס צוריק באַקומען, דעריבער רעכנט מען נישט קיין סך געלט. דער ייִד, דער עושר, איז אָבער געווען אַ פּראָצענטניק און לויט אונדזער טראַדיציע וועלן פּראָצענטניקעס ניט אויפֿשטיין קיין תּחית־המתים[2]. אַזאַ קבֿר איז שוין אַן אייביקער, צו וואָס קהל איז שוין באַרעכטיקט צו אַ גרעסערער סומע קבֿורה־געלט".

די תּשובֿה איז זייער געפֿעלן דעם מושל און ער האָט באַפֿוילן די יורשים צו באַצאָלן דאָס פֿאַרלאַנגטע געלט פֿון קהל. (מ. ליפּסאָן, די וועלט דערציילט, ניו־יאָרק, תּרפּ"ח, 32, נומ' 37).

## ד. מעשׂר־געלט

דער ערך מעשׂר־געלט איז אין דער שטודיע דער גרעסטער. צו אַלע מקורים זאָל אויך נישט פֿעלן אַ פֿאָלקלאָריסטישער מקור — אַ מעשׂר־מעשׂה.

---

2 זען „רבית" אין: הרב משה דוד גרוס, אוצר האגדה, ירושלים, תשט"ו, כרך ג׳, תתשסז, הערות 60 און 67.

אין אמתן איז דאָס אַ גלגול פֿון אַ מעשׂה, וואָס דרייט זיך אַרום אַן עושר אַן בטחון און אַ עני ואבֿיון, וואָס האָט נישט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג.

צום ערשטן געפֿינען מיר די מעשׂה אין אַן העברעיִשער זאַמלונג „מעשׂיות שבתלמוד" אין: הליקוטים והחבורים, קושטנטינה, כ' סיון, רע"ט (1519). דער־נאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אַ סך מאָל מיט געוויסע וואַריאַנטן אין דער מעשׂיות־ליטעראַטור, וואָס משה גאַסטער האָט פֿאַרצייכנט אין זײַן The Exempla of the Rabbis, לײַפּציג, 1924, 262, נומ' 414. דאָרט האָט אויך גאַסטער געבראַכט מקורים פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, ווו די מעשׂה געפֿינט זיך.

אין ייִדישן לבֿוש געפֿינט זיך די מעשׂה אין מעשה בוך און אין שמחת הנפש, אין צוויי פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן. דער סיפּור־המעשׂה אין שמחת הנפש איז פּינקטלעכער צום העברעיִשן נוסח. אין אַלע נוסחאות, סײַ אין העברעיִש סײַ אין ייִדיש, האָט די מעשׂה מיט מעשׂר און מעשׂר־געלט נישט צו טאָן — ס'איז סתם אַ מעשׂה פֿון אַן עושר, וואָס האָט זיך נישט פֿאַרגונען צו געבן קיין צדקה, נאָר געבן דעם וואָס האָט להלוטין פֿאַרלאָרן זײַן האָפֿענונג און בטחון.

ערשט אין דעם אַנאָנימען ביכל געלד אונט קיין געלד (געדרוקט אין [האַמ־בורג] תצ"ג און ליטאָגראַפֿיש איבערגעדרוקט דורך שלמה גאָלדשמיט אין תרנ"ט) ווערט דאָס איבערגעגעבן ווי אַ מעשׂר־מעשׂה. אַ מקור וואָס גאַסטער האָט פֿאַרפֿעלט צו ברענגען.

צי דער אַנאָנימער מחבר פֿון דעם ביכל האָט פֿאַר זיך געהאַט אַן אַנדער נוסח, אָדער ער האָט דאָס אַליין באַאַרבעט — איז דערווײַל שווער פּותר צו זײַן.

אומדירעקט איז דאָס נאָך אַ ראיה, ווי הײַנט מעשׂר איז שוין געווען אין דער צײַט טיף פֿאַרוואָרצלט אין לעבנסשטייגער, אַז מען האָט דאָס געניצט ווי גוטן לייענשטאָף פֿאַרן פֿאָלק. דאָס גאַנצע ביכל איז אייגנאַרטיק — אַלץ דרייט זיך אַרום געלט און אַרום דער פּראָבלעם פֿון אָרעם און רײַך.

אויך די איבעריקע צוויי מעשׂיות און קלענערע זאַכן פֿון תּנאים און אמוראים, בפֿרט די שפּריכווערטער און ווערטלעך, וואָס באַרעכטיקן און אי־לוסטרירן דעם נאָמען פֿון ביכל — וואָס מען האָט אַלץ, ווען מען פֿאַרמאָגט געלט און ווי שלעכט עס איז, אַז מען האָט ניט קיין געלט, ככּתובֿ: „געלד מאַכט פֿרייד, קיין געלד מאַכט לייד".

דאָ ווײַטער ווערט פֿון דעם ביכל איבערגעגעבן דער גאַנצער סיפּור־המעשׂה, אָבער כּדי צו פֿאַרלײַכטערן דאָס לייענען, גיבן מיר איבער נישט ככתבֿו וכלשונו, נישט ווי עס איז געדרוקט אין אַלטן, נאָר אין הײַנטיקן ייִדיש.

> געשען אַ מעשׂה, געווען אַמאָל אַן עושר, ער האָט נישט געוואָלט קיינעם געבן זײַן מעשׂר און צדקה, נאָר צו אַזעלכן, וואָס האָט פֿאַר־לאָרן זײַן האָפֿענונג. מאַכט זיך, דאָס ער האָט אָנגעטראָפֿן אַן אָרעמען מאַן, וואָס איז געלעגן אויפֿן מיסט, טראַכט ער, צו אים וועל איך גיין, דער האָט געוויס נישט קיין האָפֿענונג, אים וועל איך געבן פֿון מײַן מעשׂר.
>
> ווען דער עושר קומט צו אים, פֿרעגט ער אים: וואָס טראַכסטו זיך? ענטפֿערט אים דער אָרעמאַן: איך האָב נאָך האָפֿענונג צו ווערן אַ מלך. איז ער פֿון אים אַוועק און אים גאָרנישט געגעבן.

צום סוף טראַכט זיך דער עושר, וואָס זאָל איך פאָרט טאָן מיט מײַן מעשׂר־געלט. ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין געדאַנק, אַז די בעסטע זאַך איז אַוועקצוגעבן די מתים, די האָבן געוויס מער נישט קיין


געלד

אונט קיין געלד

רעגירט דיא גאנצי וועלט. איינס דורך גיפלוד.

דעם אנדירן דער בוך דער פון גיוועלט

ליבה, ברידר אונט שוועסטרן טוט הירא לעזן

די ווערט איהר דיא ומהר היית בפינדן ואס

פאר אונז איז גישעהן אונט גיוועזן · וואו ווערט איהר

איטן דער נאך צו זאהן · אונט בקוואן זיין פר דינטן

זאהן

איך האב אויך גישט עלד דאבייא גאנץ היפשי

מעשׂות דר יא איינס פון איינים עושר

דער האט בייא זיינים לעבן קיינים אראין ניקט געבן

דאס אנדרי זיא זיך איינר אין ארוועט האט גטאן קוויין

ענטליך האט אאן איהם גטאן צום קיניג ערזילן דס

דריט זיא איינר הערט גהאט און גליך איק הויז זיא

ער עס אויט זוט האט גבראכט הירין

טוהט לויפן · איר אבצוקויפן דס יעדר

וועהן קאן · זיא גאט העלפט דעם אראין אאן

תצ״ג

סעמינאַר־ביבליאָטעק.

האָפֿענונג. איז ער אַוועק און האָט באַגראָבן זײַן מעשׂר־געלט אויפֿן בית־הקבֿרות.

ויהי, ס'איז אַוועק אַ שטיק צײַט, איז דער מלך געשטאָרבן. האָבן זיי געוואָלט אויסקלײַבן אַן אַנדער מלך. אָבער זיי האָבן נישט

געקענט אויסקומען צווישן זיך. איז בײַ זיי געבליבן, מיר וועלן צום שטאָטטויער אַרויסגיין און דער ערשטער, וואָס וועט אונדז באַגע־גענען, וועט ווערן דער מלך.

האָבן זיי צום ערשטן געפֿונען דעם אָרעמאַן, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפֿן מיסט. האָבן זיי אים געמאַכט פֿאַרן מלך. ער האָט אָנגענומען די מלוכה און גוט געפֿירט.

איז אויסגעבראָכן אין לאַנד אַ גרויסער הונגער, האָבן די אײַנ־וווינער אַלץ פֿאַרצערט. ווען זיי האָבן שוין גאָרנישט געהאַט, זײַנען זיי געגאַנגען און אויפֿגעגראָבן די מתים, אַראָפּגעצויגן זייערע תכרי־כים, דאָס פֿאַרקויפֿט, כּדי צו האָבן מיט וואָס זיך דורכצולעבן. מען האָט דאָס געבראַכט פֿאַרן מלך, האָט ער אַרויסגעגעבן פּריקאַז, ווען מען וועט געפֿינען איינעם, וואָס גראָבט אויס טויטע, זאָל מען אים אָן שהיות ברענגען צו דער תּליה.

מאַכט זיך, אַז דער אויבן דערמאָנטער עושר איז געוואָרן אַ יורד. ער האָט זיך נישט געקענט געבן אָן עצה. דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט אויפֿן בית־הקבֿרות באַגראָבן אַ סך געלט און קיינער איז נישט בילכער צו דעם, ווי ער אַליין. איז ער אַוועק דאָרט און האָט געוואָלט אויסגראָבן דאָס געלט. ווי ער האַלט אַזוי בײַם אויס־גראָבן, האָט מען אים געכאַפּט, מיינענדיק אַז ער וויל די מתים אויס־גראָבן. האָט מען אים געפֿאַנגען און מען האָט אים געוואָלט הענגען כּדת המלך. האָט ער שטאַרק געבעטן, מען זאָל אים ברענגען פֿאַרן קייסער, כּדי זיך צו פֿאַרענטפֿערן. ווען מען האָט אים געבראַכט פֿאַרן מלך, האָט ער געזאָגט: אדוני המלך, איך בין נישט געגאַנגען אויסצוגראָבן די מתים, נאָר ער האָט דערציילט, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט, אַז ער האָט זײַן מעשׂר באַגראָבן, ווײַל ער האָט קיי־נעם נישט געוואָלט עפּעס געבן, נאָר צו דעם וואָס האָט פֿאַרלאָרן זײַן האָפֿענונג. איצט איז ער אין גרויס נויט, האָט ער געוואָלט אַליין זיך נעמען דאָס געלט.

דער מלך האָט אים דערקענט, אָבער ער האָט דעם מלך נישט דערקענט. האָט דער קייזער געזאָגט: גיב מיר אַ וואָרצייכן, וואָס פֿאַר אַ מין געלט, אָדער דעם סכום, וועל איך לאָזן די זאַך אויס־פֿאָרשן, אויב דו זאָגסט דעם אמת. האָט ער געזאָגט דעם אמת.

דער מלך האָט געלאָזט ברענגען דאָס געלט און ס׳האָט גע־שטימט פּונקט ווי ער האָט געזאָגט. האָט דער מלך גענומען דאָס געלט און גיט אים לחם חסד ווי לאַנג ער וועט לעבן.

דאָ זאָגט דער מלך: זע, ווי גאָט איז אַ האַר. איך בין דער אָרעמאַן, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפֿן מיסט. דו האָסט מיר גאָרנישט געוואָלט געבן, זע, ווי דער רבש״ע האָט מיר געהאָלפֿן, אַז איך בין טאַקע געוואָרן מלך, ווי איך האָב דיר דאַן פֿאָראויסגעזאָגט, אַז איך האָף נאָך צו ווערן מלך און דו האָסט געהאַט פֿאַרלאָרן די

האָפֿענונג. נו, װעל איך דיר פֿון דײַן אײגן געלט געבן צדקה. דאָ איז צו זען װי גאָט העלפֿט דעם אָרעמאַן און מאַכט דעם רײַכן — אָרעם, װײַל דאָס געלט איז גאָטס, דעריבער זאָל דער רײַכער זיך נישט איבערנעמען מיט דעם, און זאָל געבן צדקה, װען ער איז נאָך ביכולת.

## ה. סגולות און סימנים

דאָ און דאָרט זײַנען דאָ אין דער שטודיע פֿאַרשײדענע געלטער, װאָס האָבן אַ שײַכות מיט אַבערגלױבענישן און סגולות. ס'איז אַ פֿאָרשונג פֿאַר זיך אַלײן. ס'איז נישט אונדזער כּוונה אַרײַנצולאָזן זיך אין אַ סך פּרטים, װער רעדט אָנװײַזן אויף אַנאַלאָגיעס מיט די אומות-העולם. װעגן געלט אין דײַטשן אַבער־גלױבן קען מען געפֿינען אַ שׂך מיט מאַטעריאַלן אין: Handwörterbuch des Deutschen Aberglaubens, III, 590-625, װאָס האָבן געװיסע פֿאַרגלײַכונגען מיטן יִדישן.

לאָמיר נאָר דאָ אָנװײַזן בקיצור אויף אַ פּאָר ערכים און אַנדערע פֿאָלק־לאָריסטישע מקורים און ליטעראַרישע אַסמכתות. עס הײבט זיך אָן מיט פֿרױען, װאָס גײענדיק פֿון טבֿילה פֿלעגן זײ טײלן צדקה לשם האָבן גוראָטענע קינ־דער (נומ' 399). דאָס אַרײַנװאַרפֿן געלט אין װאַנעלע, װען מען האָט געבאָדן אַ נײ געבוירן קינד, איז געװען אַ סגולה רײַך צו װערן (נומ' 98). מען פֿלעגט אָנהענגען קינדער קלײנגעלט װי אַ שמירה פֿאַר אַ בײז אויג און שלאָפֿקײַטן. אָט איז אַ שפּאַסיקע באַשרײַבונג פֿון באַבסקע רפֿואות: „האָט זיך דער קלײנער תּכשיטל געװיס געבאָדן אין סגולות און איז געװען װי מען זאָגט אויסגעקלעפּט פֿון שמות, דען ער װאַר באַהאַנגען מיט פֿאַרשײדענע געװער קעגן שלעכטע אומשטענדן: זײַן העמדעלע איז געװען געצװיקלט מיט דעם יתור פֿון דעם זײדנס אײביקע קלײדער; אויף זײַן לינקן אויערל אַן אוירינגל, געמאַכט פֿון אַ שמירה פֿון דעם אַלטן צדיק; אויף זײַן העלדזועלע האָט ער געשלעפּט, אַז אײן גאָט האָט אים נאָר געדאַרפֿט געבן כּוח, אַ מויערקעפּל, אַ הײעלע, אַ װאָלפֿ־צאָן, אַ בײנערנעם בײגעלע, אַ פֿענדל מיט זיבן מײַזישע אײגעלעך, אַ זעקעלע מיט נײַן מאָל נײַן נעגל פֿון אַ שװאַרצן האָן, עטלעכע קמיעות, אויסער דעם אַ פּאָר טוץ שמירות פֿון קלײנגעלט (רוסישע זעקסער) (א. הורװיטש מקיעװ, דער לאַנד חכם, הומאָריסטישער זשורנאַל פֿאַן נ. מ. שײקעװיטש (שמר), ניו־יאָרק, 1894, ב' 1, נומ' 4, 57/א־ב).

װעגן אײנגײען געלט אין בעטגעװאַנט פֿון אַ יונג פּאָרפֿאָלק (זען אויבן I, ג). מיט דער זעלבער כּװנה איז מען זיך נוהג אויך אין אַמעריקע אַרײַנצו־לײגן מטבעות אין דעם פֿונדאַמענט פֿון אַ נײַ־הויז, עס זאָל זײַן מזלדיק. גאָר אינטערעסאַנט אין דעם פּרט איז דאָס עדות זאָגן פֿון בערל קאַהאַן, אַן עד־ראיה: „איך בין דאָ [אין אַמעריקע] אַ מוליער עטלעכע און פֿופֿציק יאָר און איך האָב צוגעזען אָפֿט מאָל, װען דער אײגנטימער פֿון אַ פּריװאַט־הויז האָט אַרײַנגעװאָרפֿן זילבערנע מטבעות בעתן לײגן דעם פֿונדאַמענט. דער מנהג װערט דורכגעפֿירט סײַ בײַ יִדן און סײַ בײַ קריסטן" (דער טאָג־מאָרגן זשורנאַל, יאַנ' 29, 1957, 10).

שטאַרק פֿאַרשפּרייט און אָנגענומען ביז הײַנט איז דער ענין „פֿאַטשאַנטעק”, דאָס לייזעכץ אויף אַ פֿולער וואָך וכדומה אָדער דאָס אָפּהאַלטן זיך פֿון באָרגן אין ענלעכע צײַטן. וועגן די אָבערגלייבענישן רעאַגירט שוין ר׳ משה העגוכש אין זײַן באַרימטן ווײַבערשן מוסר-ספֿר: „אודר עש קומט אימנט צו מורגנש פֿרויא [פֿרי] נאָך געלט. דא ענטוועדט ער איך וויל ניט נויכֿטרן געלט אויש געבן. אודר נעמט אם ראש חדש געלט איין, דא שפּריכֿט ער איך ווערד דען גאַנצן הדש געלט איין נעמן. ברענגט מן געלט אם ראש השנה שפּריכֿט ער איך ווערד דז גנץ יאר געלט איין נעמן. ברענגט מן אים אם שבת צו נכֿט דא שפּריכט ער איך ווערד דיא גנצי וואָך געלט איין נעמן” (ברנט שפּיגל, בסליאה, שכ״ב, פּרק סח, ריה-ריו). אַ חוץ די געלט-סימנים פֿאַרבונדן מיט צײַט, האָט דאָס פֿאָלק געגעבן נאָך אַנדערע סימנים פֿאַרבונדן מיט בעלי-חיים.

אין „סימנים און סגולות וועגן בעלי-חיים און געוויקסן” (ייִדישער פֿאָלקלאָר, ייִוואָ, ווילנע, 1938) געפֿינען מיר אין שײַכות מיט געלט פֿאָלגנדיקע נומערן: אַז מען זעט אין חלום אָקסן ליגנדיק, וועט מען פֿאַרדינען געלט (2); ווען אַ וואָראָבייטשיק קלאַפּט אין פֿענצטער, זאָגט ער אָן גוטס: עס וועט קומען אַ בריוו אָדער געלט וכדומה (107); ווען מען זעט אין חלום לײַז, איז אַ סימן, אַז מען וועט קריגן געלט (132); פֿרײַכן טאָר מען ניט אויסראָטן, ווײַל זיי זײַנען אַ סימן אויף געלט (161); ווען אַ פֿייגעלע קוקט אַרײַן דורכן לופֿטשיק, וועט קומען געלט (167); ווען אַ פֿייגעלע קלאַפּט אין פֿענצטער, וועט קומען געלט (169); ווען מען זעט אין חלום פֿיש, וועט מען באַקומען געלט — — — וועט מען געווינען אויף דער לאָטעריע (180); ווען עס חלומען זיך לעבעדיקע פֿיש, וועט מען באַקומען געלט (182); ווען מען הערט אין פֿרילינג די קוקאַווקע צום ערשטן מאָל זינגען, דאַרף מען האָבן בײַ זיך קליינגעלט, אַניט וועט זײַן אַ יאָר אָן געלט — — — און מען האָט געלט אין קעשענע, וועט מען האָבן אַ גאַנץ יאָר געלט (234); פֿון דער צמחים-וועלט: ווען עס חלומט זיך תּבֿואה, איז אַ סימן, אַז מען וועט האָבן געלט (318).

אַ וועלט מיט חסידישע מעשׂיות דרייען זיך אַרום געלט-ענינים, אַזוי אַז מ׳וואָלט געקענט שאַפֿן אַ גאַר גרויסע אַנטאָלאָגיע פֿון דעם חסידישן געלט-פֿאָלקלאָר אַליין. דאָ אין דער שטודיע געפֿינען מיר נאָר וועגן קמיעות פֿון זילבערנע מטבעות (נומ׳ 323). אָבער אין דעם חסידישן אָבערגלויבן פֿאַרנעמען רבייִשע סגולה-מטבעות און מזל-געלט אַ גאַר גרויס אָרט. אַ סיפּור המעשׂה מיט „פֿאַרשווונדענע מטבעות” הויבט זיך אָן אַזוי: „ווי מיר האָבן שוין בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהײַטן דערמאָנט, איז דער ענין פֿון רבינס אַ מטבע געווען זייער חשובֿ בײַ די חסידים פֿון דער ריזשינער גזע. די דאָזיקע מטבעות האָבן חסידים באַטראַכט אַלס דעם טײַערסטן אוצר אין דער וועלט. ס׳רובֿ, באַזונדערס קראַנקע פֿרויען און קינדער, האָבן עס געטראָגן אויפֿן האַלדז אין אַ ספּעציעל בײַטעלע, און נאָכן אָפּלעבן האָט מען עס מיטגענומען אין קבֿר אַרײַן”...

מטבעות פֿון רבין האָט מען אויך אָפֿט ליציטירט און געצאָלט דערפֿאַר גאָר הויכע פּרײַזן, וועלכע זײַנען פֿאַרווענדעט געוואָרן אויף „דבֿרים שבצדקה” (ש. ניסנזאהן, דאָס מלכות׳דיגע חסידות (די ריזשינער גזע), וואַרשע, תרצ״ז, 208-212, פּרק מו).

דאָס גילט אויך פֿאַר נאָך אַנדערע חסידישע געלט-מעשׂיות. אַ בעל-זכרונות דערציילט אַפֿילו װעגן די חשיבֿות פֿון רבייִשע מטבעות בײַ פּראָסטע גויים, בײַ פּורמאַנעס, װאָס פֿלעגן דאָס געלט האַלטן פֿאַר אַ סגולה און נישט געוואָלט זיך שיידן מיט זיי (נומ׳ 277ה). באַריכותדיקער וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף אַ גימטריא פֿאַרבונדן מיט געלט און אַ מופֿת, לויט אַ חסידישער דערציילונג:

בימי הרבי ר׳ זושא האָט געטראָפֿן, אַז אַ קנעכט האָט באַגנבֿט זײַן האַר, דעם פּוילישן דוכס, אויף אַ גרויסער סומע געלט און האָט דאָס גוט באַהאַלטן. אַזוי ווי די גניבֿה האָט זיך נישט אָפּגעזוכט, האָט דער דוכס געמאַכט אַ בלבול אויף די ייִדן פֿון זײַן שטאָט אַניפּאָליא, אַז זיי האָבן דאָס געלט גענבֿעט. ויהי, ווען עס איז געקומען דער לעצטער טערמין, װאָס איז געוואָרן באַשטימט, אַז די שטעטלדיקע ייִדן מוזן גוט מאַכן דעם שאָדן, האָט דער רבי ר׳ זושא באַפֿוילן דעם דוכס, אַז ער זאָל צונויפֿזאַמלען אַלע זײַנע קנעכט אויפֿן מאַרק. אַזוי איז געשען. נאָר איין קנעכט דער מיסטראַמער האָט געפֿעלט. מען האָט אים אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿונעם רבין אויך געבראַכט. דאַן האָט דער רבי ר׳ זושא אָנגעהויבן צו זאָגן ובכן תן פחדך. אַלע קנעכט — גייט ווײַטער דער סיפּור המעשׂה — האָבן דאָס געהערט גלײַכגילטיק, נאָר דער מיסטראַמער האָט אָנגעפֿאַנגען ציטערן און שרײַען: זאָגט מער ניט, איך בעט אײַך, די ווערטער, איך וועל שוין אָפּגעבן דאָס געלט. ער איז געלאָפֿן אין שטאַל, אויסגעגראָבן דאָס גאַנצע געלט, ס׳האָט פֿון דער סומע נישט געפֿעלט אַ גראָשן, און דאָס אָפּגעגעבן צוריק דעם דוכס. נאָך דעם, פֿאַרענדיקט די מעשׂה, זאָל דער דוכס האָבן געזאָגט, איצט ווייס איך, אַז ייִדן זײַנען ערלעך. ניט איין מאָל האָבן זיי באַוויזן זייער אומשולד, אָבער דאָס העלפֿט ניט, די שׂונאי ישׂראל פֿוילן זיך ניט צו מאַכן נײַע בלבולים, ווײַל זיי ווילן ייִדישע געלט[3]. די איבערדערציילער פֿון דער מעשׂה האָבן מיט דער צײַט פֿאַרגעסן צוצוגעבן איין קלייניקײַט, אַז „פחדך" באַטרעפֿט פּונקט אַזוי פֿיל ווי „געלט" (112). דורך דעם ווערט דער מופֿת קלאָר, פֿאַרוואָס דער גנבֿ האָט געבעטן „זאָגט מער ניט די ווערטער, איך וועל שוין אָפּגעבן דאָס געלט"[4].

גוט צו מסיים זײַן מיט צוויי געלט-גימטריאות מיט אַ מוסר-השׂכּל:

„סולם" איז בגימטריא „ממון", געלט... געלט דערהויבט דעם מענטשן און דערנידעריקט אים; אָן געלט איז דער מענטש אַ „מוצב אַרצה", מיט געלט איז — „וראשו מגיע השמימה"...

„סולם" איז בגימטריא „ממון" און איז אויך בגימטריא „עוני". עשירות און עניות האַלטן זיך נישט לאַנג אויף אַן אָרט. עס איז כּסדר עולים ויורדים, „משפיל גאים ומגביה שפלים"...[5]

3 איבערדערציילט בקיצור לויטן בית צדיק, וואַרשע, תרפ״ז, 7-4. דאָס גאַנצע מעשׂה-ביכל, וואָס „ערציילט זייער ווינדערליכע זאַכין פֿון הייליגע צדיקים", איז כּמעט אַ זאַמלונג נאָר פֿון חסידישע געלט-מעשׂיות. דאָרט ווערט אויך דערציילט אַ פּאָר מעשׂיות וועגן בעש״ט, ווי ער לערנט מיט זײַנע תּלמידים מדת בטחון און אַ מעשׂה פֿון פּדיון שבויים — אַלץ אויף דער קאַנווע פֿון געלט.

4 די מעשׂה איז מצוי אין אַן אַנדער וואַריאַנט וועגן זעלנער, וואָס זײַנען באַפֿאַלן אַ ייִדישן שענקער, אים בדלות געמאַכט. „האָט דער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה גוט געקוקט אויף די זעלנער און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן מיט גרויס התלהבֿות ,ובכן תן פחדך על כל מעשיך ואימתך על כל מה שבראת׳ און האָט עטלעכע מאָל געזאָגט די תּפֿלה און האָט אויך עטלעכע מאָל געטאָפּלט און געזאָגט די ווערטער ,ובכן תן פחדך׳, איז געפֿאַלן אַ גרויס ציטערניש אויף דעם מיליטער" און האָט זיי פֿאַרטריבן (גבורות ישׂראל, וואַרשע, תרפ״ד, 37-40). אויך אין דער מעשׂה ווערט נישט אויפֿגעקלערט, פֿאַרוואָס עפּעס „פחדך". די גימטריא ווערט נישט דערמאָנט.

14 אַרײַן און אַרויס קאַכט געלד.

ד. ה. בײַ אַ געשעפֿט.

15 בײַ געלד־צעהלען איז גוט צו שטעהען און צוזעהען.

16 „בריילי" – איז געלד!

מען מיינט בײַ אַ דין־תּורה.

17 געלד איז אַן עבודה זרה, אָבער אַז עס איז ניט דאָ, איז אַ גרויסע צרה.

18 געלד איז בלאָטע, אָבער בלאָטע איז קיין געלד ניט.

p. błoto = בלאָטע

19 געלד איז קײַלעכיג – אַמאָל איז עס דאָ, אַמאָל איז עס דאָרט.

20 געלד געהט אַוועג, און הונד בלייבט הונד.

אזוי זאָגט מען פֿון אַ קאַרגען עושר.

21 געלד געהט צו געלד.

22 געלד האַלט זיך נאָר אין אַ גראָבען זאַק.

מען מיינט אַ נידריגען, גראָבען מענשען, וואָס קען דאָס געלד גוט האַלטען.

23 געלד פֿערלוירען – האַלב פֿערלוירען, מוטה פֿערלוירען – אַלעס פֿערלוירען

24 געלד פֿערענטפֿערט אַלע קשיות.

25 געלד צו פֿערדינען איז גרינגער, ווי צו האַלטען.

26 געלד – שמעלט! אָבער איז דען שמעלט געלד?

מען זאָגט אָפֿט שערצהאַפֿט און פֿערעכטליך: „געלד – שמעלט", ד. ה. עס האָט ניט קיין גרויסען ווערטה. דערויף ברענגט דאָס שפּריכוואָרט: „איז דען שמעלט געלד?" און דריקט דערמיט אויס, אַז געלד האָט טאַקי אַ גרויסען ווערטה, און „שמעלט" זאָגט מען נאָר צום גרייס.

27 דאָס גאַנצע געלד געהט אַוועג אויף מציאות.

ווען איינער קויפֿט זאַכען, וואָס ער בעדאַרף די גאָרניט, נאָר ווייל ער מיינט, אַז עס איז אַ גרויסע מציאה.

28 „הכּסף יענה את הכּל" – מיט געלד פֿערשטאָפּט מען דער וועלט דאָס מויל.

29 „המבדיל בין קודש לחול" – ווער עס האָט געלד, דעם איז וואויל.

30 וואו מען האָט געלד פֿערלוירען, דאָרט מוז מען עס אָבזוכען.

ד. ה.: בײַ דעמזעלבען געשעפֿט.

31 „ויתּן לך" – געלד איז ניט דאָ; „מטל השמים" – עס איז ניט דאָ, בײַ וועמען צו לייהען; „משמני הארץ" – דאָס געלד איז בײַם פּריץ.

טראַוועסטיע פֿון אַ זמר פֿון שבת־צו־נאַכטס.

32 ווער מיט געלד, און ווער מיט שכל.

איטליכער מוז מיט זיינס און העלפֿען, מיט וואָס ער קען.

א. בערנשטיין, יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען, וואַרשע, תרס"ח.

# Regional Cultures

*From Jerusalem to Spain, Poland, and Morocco: The Influence of Jewish Migrations*

## Introduction: The Chief Regional Jewish Cultures

For over 2500 years, Jewish life has been marked by the coexistence of a Jewish national homeland in the Land of Israel and a Diaspora (the Greek word for "dispersion") outside the homeland. For most of these centuries, the Jewish population of the dispersion far outnumbered those in the "center," and they often had greater influence on world Jewish life than did Israel. Sometimes Jewish life in

the Jewish homeland was virtually nonexistent—for instance, after the Crusaders captured Jerusalem in 1099. The Jews were dispersed to many lands and came into contact with many different peoples, climates, languages, and ways of life.

Jews were not the only dispersed people in the world. Others included the Armenians, the Parsees (Zoroastrians in India), the overseas Chinese, and the Gypsies. Except perhaps for the Gypsies, none were quite as dispersed as the Jews. Like other migrants, Jews moved from one place to another for one of two reasons. They were attracted (pulled) to a new land by economic opportunity, adventure, and a chance to start anew, or they were escaping (pushed) from an old country because of religious persecution, financial hardship, warfare, or general chaos. Sometimes push and pull combined to motivate Jews to change location.

To understand how Jews got from Jerusalem to such distant places as Krakow, Poland, Kaifeng, China, and Gondar, Ethiopia, we have to look both at the history of the Jews and at the history and cultures of the peoples among whom they ended up living. In the early part of the story, military conquests and invasions play an important role. In later times, persecutions and economic opportunity are often more important. Throughout the story, long periods of stability alternated with periods of rapid change. Sometimes Jews were very open to the new cultures they came into contact with and rapidly learned their languages, customs, and habits. At other times they seemed to hang on tenaciously to the culture of the Old Country (whatever the Old Country happened to be) and avoided becoming like the peoples among whom they lived.

At the end of over 2000 years of wandering, Jews found themselves scattered over a wide area with many different local cultures, but the range of their dispersion was not unlimited. Jews did not go everywhere (at least not until very recently), nor were they influenced by all the cultures of the world. There were no Jews before the nineteenth century in central and southern Africa, Japan, Indochina, Siberia, Ireland, Australia, or Scandinavia (except for Denmark). Only a tiny number settled in the Americas before 1800.

Before beginning a historical outline of how the Jews got to where they ended up living, a quick survey of the main geographic and cultural areas in which Jews lived is in order. Often people speak of Ashkenazic (northern European) and Sephardic (Mediterranean) Jews, but this distinction is much too simple to explain all the various Jewish traditions.



We can draw a kind of "family tree" of the various descendants of ancient Judaism (Table 2.1). Some of these descendants, like Christianity of course, have ceased to be part of Judaism and will not be dealt with in this book. Others, which will be addressed, branched off from the rabbinic Judaism that became the normative Jewish tradition. Some of these nonrabbinic Jews, like the Samaritans, were already a separate group during the time of the Second Temple (Time Line), but others, like the Karaites, separated in the Middle Ages over 1000 years later. The Samaritans and Karaites continued to use the Bible and other holy books in Hebrew, but two other nonrabbinic Jewish groups, the Bene Israel of India and the Beta Israel of Ethiopia, forgot (or never learned) the Hebrew language.

The distinction between rabbinic and nonrabbinic Jews is the most basic subdivision of the Jewish people in premodern times. By comparison with the groups just mentioned, the rabbinic Jews shared many things: the Hebrew language, the basic structure of the prayer book, the same holidays, and the same structure of Jewish religious law. Still there was plenty of room for local and regional differences. There are alternative ways of classifying the major subdivisions of the rabbinic Jews. They can be divided by (1) traditions of Hebrew pronunciation, prayer book liturgy, and liturgical music; (2) spoken traditional Jewish language; or (3) settlement history. These classifications overlap to some extent but also show important differences. The most profound divisions based on our first criterion are three: Ashkenazic, Sephardic-Oriental, and Yemenite (Map 2.1). These three cultural groups and their major traits will be explained in the following chapter. There are many subgroups within the three divisions, some of them fairly substantial. As will be shown later, the Jews of Italy form a kind of transitional group between the Ashkenazic and Sephardic-Oriental groups.

When it comes to grouping by traditional vernacular language, the divisions are more complicated than a three-way split. In order to follow the complicated divisions and subdivisions, it will be helpful to look at Map 2.2. No fewer than nine main groups of Jewish languages spoken by rabbinic Jews survived into modern times (and a few more became extinct before then). Most of these




*Table 2.1a Genealogy of Chief Jewish Cultural Groups*




*Table 2.1b Subdivisions of Jewish language groups*

| | Political History | Migration History |
|---|---|---|
| 1800 | 1772–1795 Partitions of Poland | |
| 1700 | | |
| 1600 | 1569 Union of Lublin between Poland and Lithuania | |
| 1500 | 1492 Expulsion of Jews from Spain | 1450–1550 Main period of Ashkenazic migration to Eastern Europe |
| 1400 | | |
| 1300 | | |
| 1200 | | |
| 1100 | | |
| 1000 | | |
